NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04343

VINTER IN VALD

Israel Biber

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון דער ביבליאָטעק
פון שרה און דוד בערעזער
ניו יאָרק

י. ביבער

ווינטער אין וואלד

(ווינטער איז דער מעדעם־סאַנאַטאָריע)

„קינדער־פריינד", ווארשע 1937

Printed in Poland

I. B I B E R

WINTER IN WAŁD

„Kinder-Frajnd“, Warszawa 1937

זעצעריי ה. גלאַנץ, מוראַנאָווסקע 28 ו. 25

Druk. „R e n o m a“, Warszawa

דער אַרויספּאָר

אין ביוראָ פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין וואַרשע איז געווען היינטן לעבעדיק. עס זענען זיך צונויפגעקומען קינדער, וואָס האָבן באַדאַרפט אָפּוועקפאָרן אויף די ווינטער־פעריען אין דער סאַנאַטאָריע, קיין מיעדזעשין.

טייל קינדער האָבן זיך געקענט: מוישעלע און שלוימעלע, זענען געווען כאַווירים פון איין קלאַס אין דער כמורנער־שולן. סאָרעלע איז אויך געווען פון דער זעלבער שול, מיט אַ קלאַס עלטער. אַנדערע קינדער זענען געקומען פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך: פון לאָדזש, פון ווילנע, פון פּיעטרעקאָוו און גיטעלע — אַזש פון בראַסלאַוו.

די פּראָווינצער קינדער זענען פון אָנהייב געווען שטיל, ערנסט, איינגעהאַלטן, אַזוי ווי אין דער פרעמד, — אָבער די לערערין כאַיעלע, וואָס האָט זיי באַדאַרפט באַלד אַוועקפירן קיין מיעדזעשין, האָט זיי באַקענט מיט דער איבעריקער כעווריע, און עס איז גלייך געוואָרן לעבעדיקער, פרייליכער — פּאָשעט היימיש.

קינדער האָבן זיך דערציילט פונוואַנען זיי קומען, וועג זייערע שולן און לערער, און איינער פון די וואַרשעווער, וואָס איז שוין געווען אַמאָל אין דער סאַנאַטאָריע, האָט געהאַט פאַר די קינדער די אינטערעסאַנטסטע מייסעס: ער האָט דערציילט, ווי עס זעט אויס אין דער סאַנאַטאָריע און ווי עס לעבט זיך דאָרט.

מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריין: דער לערער באַטקע און כאַווער לייזער.

— גוטמאָרגן, קינדער!

— גוטמאָרגן, — ענטפערן אַלע אין אַ כאָר.

דער געוועזענער סאַנאַטאָריסט לויפט אַנטקעגן דעם לערער און זיי צוקושן זיך.

כאַווער לייזער, אַן אָנגעשטעלטער פון דער סאַנאַטאָריע, וואָס קומט יעדן טאָג באַזאָרגן אַלע פעקלעך פון וואַרשע פאַר דער סאַנאַטאָריע, איז טאָמיד אַ לאַכנדיקער, קיין שום אַרבעט איז פאַר אים נישט צו שווער—ער כאַפט גלייך די פעקלעך פון די קינדער און טראָגט זיי אַראָפ.

דער לערער באַטקע פרעגט זיך אויס ביי די קינדער פונ-וואַנען זיי זענען, און ער נעמט אָפ גרוסן פון די, וואָס קומען פון ווייט. קימאַט אין יעדער שול פון די שטעט און שטעטלעך האָט ער באַקאַנטע לערער און קינדער (געוועזענע סאַנאַטאָריסטן), און אַלע געדענקען צו שיקן אַ גרוס, ווען עס פאָרט ווער אין סאַנאַטאָריע.

— כעווריע, מיר פאָרן!

„יעדערער זיין פעקל,
יעדערער זיין פלעקל —
פעקל, זעקל, רעקל, שטעקל,
גיכער, ס'קלינגט שוין באַלד דאָס גלעקל,
גיכער, פאָרט געזונטערהייט"

זינגט זיך אונטער דער לערער באַטקע און מע נעמט אַראָפגיין.

עס געזעגענען זיך נאָך די מאַמעס און טאַטעס, וואָס האָבן באַגלייט די קינדער אין ביוראָ אַריין, און דער אוילעם קליינ-וואַרג כאַפט זיך אַריין אין 2 אויטאָס, וואָס פירן זיי אַוועק צום באַן.

גיטעלע פון בראָסלאַוו איז מיד פון דער ווייטער רייזע — זי פאָרט שוין אַ גאַנצן טאָג — און פון די פילצאַליקע איינדרוקן פון איר ערשטער, ווייטער נעסיע. זי האָט זיך נישט פאָרגע-שטעלט, אַז די הויפטשטאָט איז אַזוי ווייט און אַזוי ראַשיק: פון אַלע זייטן פאָרן טראַמווייען, אויטאָבוסן, אויטאָס, זיי קלינגען און טרומייטערן. אויף די טראָטוארן יאָגן מענטשן — מע גייט דאָ

נישט, נאָר מע יאָגט, און ווען מע דאַרף אַריבערגיין די גאַס, מוז מע גוט קוקן, צי עס לויפט נישט אונטער קיין אויטאָ.

גיטעלע איז מיד, אָבער זי איז פאַרכאַפּט, און רײַסט נישט אָפּ די אויגן פון די בילדער, וואָס לויפן פאַרבײַ ווי אין קינאָ.

זי זעט אויך צום ערשטן מאָל די וואַרשעווער ייִדן, וואָס טראָגן שוואַרצע היטעלעך. זיי קומען איר אויס מאָדנע. אויך דער לאָשן פון די וואַרשעווער קינדער איז פאַר איר געווען נײַ. אַנ־דערע ווערטער האָט זי גאָרנישט פאַרשטאַנען.

ענדלעך — דער וואָקזאַל.

די קינדער גייען טרעפּ אַרויף און טרעפּ אַראָפּ, דורך אַ טונעל, און פאַרנעמען באַלד ערטער אין וואַגאָן.

אַ פײַף, און דער צוג רירט.

די באַן לויפט נאָך פאַרבײַ צווישן די וואַרשעווער מויערן, און באַלד איז מען אויסער דער שטאָט. אין שטאָט איז קימאַט קיין שניי נישט געווען — מע רוימט אים באַלד אָפּ, אָבער דאָ, אויף די פעלדער, איז ווײַס און זוניק.

מע עפנט אַ פענצטער, און אַ שטראָם פרישע, ריינע לופט מיט זון רײַסט זיך אַרײַן אין קופּע.

דער לערער באַטקע כאַפּט אונטערזינגען אַ ליד:

מיר זענען יונג, די וועלט איז אָפן
אָ, די ווײַטע, שיינע וועלט!
יוגנט־בענקשאַפט, יוגנט־טרוימען
לאָקן אונדז אין וואַלד אין פעלד.

ברודער, הייב דעם קאָפּ אויף מונטער!
שטערן פינקלען מאַליי כיין,
הייב די בליקן, שטרעב אין ווײַטן —
מיר זענען יונג און דאָס איז שיין!"

קינדער זינגען מיט — עס איז אַזוי גוט, אַזוי גוט! די באַן לויפט, זי איז שוין אַריבער די סטאַציעס וואַווער און ראַ־דאָשטש, און אָט איז — מיעדזעשין. מע וועט אָבער אַראָפּגיין מיט



די מעדעם־סאַנאַטאָריע

איין סטאַציע ווײַטער — אין פאַלעניץ, ווײַל דאָרט קען מען נע־מען ברישקעס אויף צוצופאָרן אין סאַנאַטאָריע.

גיך איז אַריבער די האַלבע שאָ רײַזע פון וואַרשע ביז פאַלעניץ.

די ערשטע באַגעגעניש

ווען די בריטשקעס זענען צוגעפאָרן צום טויער פון דער סאַנאַטאָריע, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון דאָרט קינדער באַגע־גענען די געסט.

— טשאָלדאַקעס! טשאָלדאַקעס! — האָבן זיך דערהערט קוילעס פון דער סאַנאַטאָריע.

„טשאָלדאַק" רופט מען דאָרט אַ נײַעם גאַסט.

וואָס עס הייסט אייגנטלעך דאָס וואָרט „טשאָלדאַק" פרעגט מען נישט, טשאָלדאַק איז — טשאָלדאַק.

די קינדער־סאַנאַטאָריסטן לאָזן איבער די שליטעלעך בײַם טאָר, מע לויפט אַראָפּ אין די גליטשערס פון אײַז, אַנדערע קו־מען אויף נאַרטעס צו לויפן, אויך שוועסטער און לערער זענען אַרויסגעלאָפן באַגעגענען די „טשאָלדאַקעס".

עס שאַפט זיך באַלד אַ געזעמל פון אַלטע און נײַע סאַ־נאַטאָריסטן.

מע פירט די געסט אין קלובצימער און מע נעמט זיי אויף טאַקע ווי געסט.

פון די ווענט פון עסצימער קוקן אַראָפּ די פּאָרטרעטן פון: וולאַדימיר מעדעם, בייניש מיכאַלעוויטש און יאָסעף כמורנער. די בילדער זענען די קינדער פון אונדזערע יידישע שולן גוט באַ־קאַנט. דאָס בילד פון מעדעמען איז דאָ גרויס — גרעסער ווי יענע בילדער וואָס הענגען אין די שולן.

אין קלובצימער הענגען אין צוויי גרויסע רעמלעך באַגריי־סונגען פאַר נײַע סאַנאַטאָריסטן — אויף יידיש און פויליש. עס הענגען דאָ אויך פאַרביקע און בילדערישע טאָגבלעטער, וואָס ווײַזן ווי די קינדער פאַרברענגען דאָ דעם טאָג.

צום אינטערעסאַנטסטן איז אָבער דער גרויסער „בוים פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג".



בוים פון דער קינדער-זעלבסטפאַרוואַלטונג אין דער מעדעם-סאַנאַטאָריע

וויפל צווײַגן און צווײַגעלעך!
וויפל קאָמיסיעס און אויפזעער!

אַ וואַלד פון אַמטן פאַר קינדער האָט דאָ די קינדער־פאַר־וואַלטונג.

די קינדער לייענען דעם גאַנצן טעקסט פון דער באַגרי־סונג פאַר די נײַאָנגעקומענע כאַוויירים.

דער ערשטער טאָג איז אַריבער גיך, מע האָט פאַרנומען ערטער, אויסגעפּאַקט די זאַכן, באַקוקט די געבײַדעס, געווען בײַם דאָקטער אאַ״וו.

ווער עס איז געווען רירעווודיק, האָט אַלץ גיך אָפּגעטאָן, און נאָך באַוויזן אַרויסצוכאַפּן זיך אויפן שנייטאַר און אויפן גליטש.

די ערשטע נאַכט איז מען געשמאַק געשלאָפן, כאָטש אויף אַ נײַ אָרט — מען איז געווען מיד פון די פאַרשידענע אײַנדרוקן.

בײַם פרישטיק

אין דער פרי וואַשט מע זיך, מע מאַכט די בעטן, און מע גרייט זיך צום פרישטיק.

ריין און ציכטיק איז דאָס עסצימער, פײַן געדעקט די טישן, די אויפזעער מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען.

גיטעלע איז געקומען די לעצטע פֿון דער אַלטער געבײַדע, אַ כאַווערטע האָט זי באַגלייט און אין אַלץ געהאָלפן. בײַם אַרײַנגאַנג אין דער נײַער געבײַדע, ווו עס איז דאָס עסצימער, האָט דער אויפזעער דערמאָנט דער „טשאָלדראַטשקע״, זי זאָל אָפּ־ווישן די פיס, און אַ צווייטער אויפזעער האָט געבעטן ווײַזן די הענט, צי זיי זענען ריין.

גיטעלע האָט ווידער געהערט אַנדערש אַרויסגערעדטע ווער־טער: גאַי — אָנשטאָט גיי, פרינטער — אָנשטאָט פריִער, זאַיף — זייף אאַ״וו.

איר שאָכנטע האָט אויך גערעדט עפּעס מאָדנע, אַלץ האָט זיך בײַ איר געענדיקט אויף אָ: טעפּאַלאָ, לעפּאַלאָ, שיסאַלאָ...

זײַ געגריסט, נײַ־געקומענער כאַווער!!!

1. דאָ איז די מעדעם־סאַנאַטאָריע. אַלע זענען דאָ כאַ־ ווײרים. די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אויפגעבויט געוואָרן דורך די ייִדישע אַרבעטער. זי טראָגט דעם נאָמען פון גרויסן אַרבעטער־פירער, בויער פון דער ייִדישער פאָלק־ שול, וול. מעדעם.
2. באַקען זיך דאָ מיט אַלעמען. פרעג זיך פונאַנדער, ווי אַזוי מע פאַרברענגט דעם טאָג אין סאַנאַטאָריע.
3. קוק זיך צו, ווי ריין עס איז דאָ אין יעדן ווינקעלע. זאָלסט אויך היטן אומעטום די ריינקייט.
4. דערוויס זיך, ווו און ווי אַזוי די קינדער האַלט זייערע זאַכן: בעגאַדים, וועש, שיך, ביכלעך, בלײַפעדערס, העפטן אד״גל.
5. קומסט אַרײַן אין עסצימער, געדענק: עס וואָס מער און רעד וואָס ווייניקער.
6. דאָ איז דאָ אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג פון קינדער. בעט עמעצן פון דײַנע נײַע כאַווײרים, ער זאָל דיך באַקענען מיט אונדזער זעלבסטפאַרוואַלטונג, מיט דעם קינדעררעאַט.
7. ווער אַ מיטגליד אין קאָאָפּעראַטיוו.
8. פאַרשרײַב זיך אין ביבליאָטעק, וועסטו באַקומען ביכער צום לייענען.
9. איצט ביסטו דאָ אַ גלײַכער כאַווער מיט אַלעמען. אויב מע וועט דיר אָנטרויען אַ באַשטימטע אַרבעט, פיר זי אויס פינקטלעך, מיט איבערגעבנקייט און ליבע צו דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.
10. זײַ געגריסט!!!

קינדעררעאַט

זי איז פון דעם געווען אפילע א ביסל צעטומלט, אבער אין דעם אלגעמיינעם ראש האט זי נישט געהאט גענוג צייט צו טראכטן וועגן דעם.

עס איז געקומען די צייט פון פרישטיק, מע האט זיך אויסגעזעצט ביי די טישן — די לערער האבן אנגעוויזן די נייע קינדער זייערע ערטער. איין לערער האט אויפגעהויבן א האנט, און עס איז פון זיך אליין געווארן שטיל.

פריידקע האט דאן אויסגעשפילט אויפן קלאוויר א שטימונגליד.

שטיל איז געווען... די קינדערשע אויגן האבן געלויכטן, די פנימער געשיינט — אויסגערוטע, אויסגעשלאפענע.

גיטעלע האט אראפגעלאזט די אויגן, און איר האט זיך געדוכט, אז זי הערט קלאפן איר הארץ...

— כאווערשאפט! — האט זיך דערהערט די שטים פון לערער און אלע קינדער האבן אפגעענטפערט: — כאווערשאפט!

— דאס איז געווען די שטילע מינוט — האט איר דערקלערט די שאכנטע. — און איצט וועלן מיר הערן לייענען אונדזער טעגלעכע צייטונג, „אונדזער ראדיא"—האט זי צוגעגעבן.

„אונדזער ראדיא"

ס'איז ארויסגעגאנגען אויפן מיטן צימער אייזיק מיט א העפט אין דער האנט, און מיט א קימאט-באס האט ער אנגעהויבן לייענען:

מאנטיק דעם...

אונדזער ראדיא, נומער...

קארעספאנדענטין פון דער סאנאטארישער מעטעאראלאגישער סטאציע, שוישאנע, גיט איבער: זונאויפגאנג... זונאונטערגאנג...

טעמפעראטור פארן פארגאנגענעם מעסלעס...

דרוק פון לופט... ווינט...

אטמאספערישע אפזעצונג (שניי)...

היינט פריי — 2 גראד קעלט. הימל ריין א"וו.

קאָרעספּאָנדענט „שאַרפּאויער“ גיט איבער פון אַ שמועס מיטן לערער ברומבערג, אַז עס גרייט זיך אַ נײַער פילם פון סאַנאַטאָריע־לעבן אין דער צײַט פון ווינטער“.

כעוורע קינדער האָט מיט פּאַרווונדערונג געקוקט איינער אויפן צווייטן. פון די אויגן האָט מען געקענט אַרויסלייענען אַ פראַגע: צי איז עס טאַקע ריכטיק אַזוי?

קאָרעספּאָנדענט פון דער 3־טער גרופּע, „שפּיצבלײַער“ גיט איבער, אַז הײַנט נאָכן פרישטיק קומט פאָר אַ שפּאַציר אין וועלדל א א״וו.

עס זענען געווען נאָך עטלעכע מעלדונגען און צום סאָף באַגריסט האַרציק דער קינדערראַט די נײַ־אָנגעקומענע קינדער, ווינטשט זיי, זיי זאָלן זײַן גוטע כאַוויירים, ווי עס פּאַסט פאַר די בירגער פון דער קינדער־רעפּובליק, וואָס הייסט מעדעם־סאַנאַטאָריע.

איבער הונדערט פּאָר הענט האָבן גענומען פּאַטשן צום גרוס פאַר די „טשאָלדאַקעס“.

אין נאַטור־ווינקל פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

נאָכן פרישטיק האָט איין קינד פון קינדערראַט אַוועקגעפירט די „טשאָלדאַקעס“ אין נאַטור־ווינקל.

דער נאַטור־ווינקל פון דער סאַנאַטאָריע איז דאָס גרעסטע פאַרגעניגן־אָרט פון די קינדער; אַלע געסט פירט מען אַהין, קיין שול האָט נישט אַזעלכע שיינע זאַמלונגען אין מוזיי. און נאָך אינטערעסאַנטער זענען די לעבעדיקע ווינקעלעך: די טויבן, אויפעס, באַסיינען, אַקוואַרן א״א.

צוערשט איז מען אַוועק אין מוזיי.

בײַ דער טיר האָט אויפגענומען די געסט דער אויפזעער פון ביאָ־צימער (ביאָלאָגישער צימער).

— אין ערשטן צימער — זאָגט דער אויפזעער — האָבן מיר געוויקסן־זאַמלונגען. מיר האָדעווען דאָ בלומען, מיר קלײַבן פרוכטן פון אונדזער סאָד און פון גאָרטן, זריעס, זעלטענע

געוויקסן פון אונדזער קאַנט, און אָט האָבן מיר אַפילע זעלטענע געוויקסן פון יאַם און פון די בערג.

די קינדער קוקן זיך אַרום און זעען אין פײַנע קעסטע־לעך און אין גלעזער אַלערליי געוויקסן: איידלווײַס (שאַראָטקע), קאַרפּאַטישער אָסעט, הייִדגעוויקסן (עריקע), באַוולפּרוכט.

קינדער קוקן און לייענען.

אומעטום זענען דאָ ייִדישע און פּוילישע אויפשריפטן. אויף די ווענט הענגען אויך פאַרביקע בילדער פון געוויקסן, שוועמלעך, לישאַיעס, מאָכן אַלערליי, פעדערגראָזן, קייטלרוטן א״א.

דער אויפזעער – אַ קינד, וואָס איז געקומען אַהער פון טאַלמעד־טוירע, און האָט בײַ זיך אין שול קיין בלומען נישט געהאַט – איז שטאַרק צוגעבונדן צו זײַן ווינקעלע דאָ אין סאַנאַטאָריע. איצט, בעשאַס די קינדער זענען פאַרנומען מיטן באַטראַכטן די זאַמלונגען, כאַפּט ער אויך אַרײַן אַ שטיקל אַר־בעט: ער באַגיסט אַ בלומענטאָפּ, אַ צווייטן – וואָס שטייט אין שאָטן – רוקט ער אַרויס צום ליכט; דאָ נעמט ער אַראָפּ אַ פאַרגעלט בלעטל, און דאָרט שפּאַרט ער אונטער דעם שטענגל.

– דאָס אַלץ – זאָגט דער אויפזעער – האָבן געזאַמלט אונדזערע קינדער און לערער. די אויסלענדישע האָט מען אונדז געשיקט אַלס מאַטאָנעס.

אין צווייטן צימער האָט שוין אַ צווייטער אויפזעער זײַן מעלוכע – דאָרט זענען זאַמלונגען פון די באַלעכאַיִם.

אַלץ איז אויסגעשטעלט אויף פּאָליצעס אין אַ סיידער: פיש, פרעש, טריטאָנעס, שלאַנגען, עקדישן, שילדקראָטן, אַפּי־לע אַ קליינער קראָקאָדיל איז דאָ פאַראַן.

בײַ אַ צווייטער וואַנט שטייען פייגל־זאַמלונגען. אויף די ווענט: בילדער און אויסגעשטאָפּטע פייגל, און אין גלעזער פאַרקאָנסערווירטע הינדעלעך, טײַבעלעך, אייער פאַרשידענע א״א.

מע זעט דאָ די קלענסטע פייגעלעך – קאָליבריס, פון בראַזיל און גרויסע פייגל־רויבער, ווי שפּאַרבערס און אַפילע – אַן אָדלער.

אין אַ צווייטן ווינקל זענען אויסגעשטעלט אינסעקטן: די שענסטע פלאַטערלעך פון בראַזיל, וואָס זעען אויס ווי געמאָלטע קונסטביל דער און קאָלערלייאינסעקטן פון פוילן.

— אַלץ האָט זיך ביי אונדז אויסגעהאָדעוועט — זאָגט דער אויפזעער. — אַפילו איצט, ווינטער, האָדעווען מיר וואָס נאָר עס לאָזט זיך.

אָט זעט איר אינסעקטן, וואָס זענען ענלעך צו צווייגעלעך — דאָס זענען די אַזוי גערופענע „וואַנדערנדיקע צווייגן" אָט האָדעווען מיר געלראַנדן, שלייערלעך פון וואַסער-ליבעלעך, און אָט איז אַ קינסטלעכער מורעשניק.



א קינסטלעכער מוראַשניק

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט צום טיש, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען עטלעכע קעסטעלעך. די קעסטעלעך זענען באַדעקט מיט גלאָז, און מען זעט אונטערן גלאָז אַרומלויפן מורעשקעס. פון איין קעסטל צום אַנדערן פירן גלעזערנע רערעלעך — קאָרידאָרן, — און די מורעשקעס לויפן דורך דורך זיי.

— דאָ, אין דעם קעסטל, איז זייער שפּײַז: קאָנפיטור און וואַסער. יאָ, מורעשקעס זענען קלוגע, זיי געדענקען, ווו צו קומען זוכן עסן. און דאָ אין דעם ווינקעלע האָבן זיי אַפּילע אַ בעסוילעם. ווען סע שטאַרבט אַ מורעשקע, טראָגט מען זי אַוועק אַהער.

— מיר האָבן אין שול אויך געהאַט אַזאַ מורעשניק — האָט זיך אָנגערופן גיטעלע. — מיר האָבן געלייענט אין דער „קליינער פאָלקסצײַטונג" וועגן אײַער מורעשניק, האָבן מיר זיך אויך געמאַכט אַזאַ.

— יאָ — זאָגט אַרעלע, — מיר לייענען טאָמיד אין דער „קליינער פאָלקסצײַטונג" וועגן אײַער ביאָ־ווינקל און וויסן אַלע נײַעסן, וואָס טרעפן בײַ אײַך.

— אָבער דאָך איז עס דאָ שענער, ווי מע קען מיינען פון די צײַטונג־באַשרײַבונגען — האָט שוין אונטערגעכאַפּט אַ דריטער.

די טשאָלדאַקעס האָבן זיך צוגעכאַפּט באַטראַכטן די גרויסע שלענג, די פאַרביקע טוקאַן־פעדערן (פון בראַזילישע פייגל) דעם דרײַ־פינגערדיקן „פוילער", די גרויסע יאַם־זאַמלונגען א"א.

— אַזאַ פליענדיקן פיש זע איך צום ערשטן מאָל! און די מעדוזן, די יאַם־שטערנס, דער אָקטפּוס — דאָס זענען דאָך בעעמעס אינטערעסאַנטע באַלעכאַיִם.

— ווי גוט וואָלט געווען, ווען אַלע שולן האָבן אַזעלכע זאַמלונגען. מיר לערנען דאָך נאָר פון בילדער — האָט זיך אָפּגערופן פריידקע.

— בײַ אונדז, קינדער - זאָגט די לערערין כאַנע — וועט איר קענען אַלץ זען, און אַנדערע באַלעכאַיִם אַליין האָדעווען. דאָ, אין מוזיי, האָט איר לעבן די זעלטענע באַשעפענישן, אויסגעשניטענע קאַרטלעך פון ביכלעך. וועט איר זיך קענען איבערלייענען אויך עפּעס וועגן זיי. איר קענט אַפּילע אַרײַנקוקן אין די נאַטור־אַטלאַסן און ביכער וואָס ליגן דאָ. און אויב איר וועט גאָר אַליין זען עפּעס נײַעס, וועט איר עס קע־

נען אַרײַנשרײַבן אין אונדזער נאַטור-טאָגבוך. מיר פאַרשרײַבן אַלץ וואָס מיר זעען. מיר האָבן שוין פאַרנאָטירטע באַאָבאַכ-טונגען פון עטלעכע יאָר.

– און איצט, קינדער, לאָמיר גיין צו די הינער און טויבן. אהער וועט איר קענען אַרײַנגיין יעדן טאָג און מיט אַלץ זיך באַקענען.

* *
*

אויפן וועג צום הינערפּלאַץ האָט די לערערין כאַנע גע-וויזן די קינדער די מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע.

– דאָ הענגען טערמאָמעטערס, אַ באַראָמעטער און אַנ-דערע מאַכשירים, וואָס ווײַזן דעם וועטער. און אָט אויפן דאַך איז אַ ווינטווײַזער. אונדזער ווינטווײַזער האָט אָבער אויך אַן עלעקטרישן ווייגער אין צימער. ווען מע וויל, קען מען זען אין צימער, וואָס פאַר אַווינט ס'איז אין דרויסן.

– אָט איז אונדזער גרויסער וואַסער-באַסיין. דאָ לעבן פ'שעלעך, שילדקראָטן א"א באַלעבכאַים און געוויקסן. אָבער אויף ווינטער שעפּן מיר אויס דאָס וואַסער און דעקן צו די באַסיינען מיט בלעטער – זיי זאָלן נישט ווערן פאַר-פרוירן. פון פראָסט קענען פּלאַצן די ווענט פון באַסיין.

מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע

— אָט איז דער זונזייגער.

— אָט איז אונדזער גאָרטן, אונדזער סאָד, און אָט דאָס וואַרעמהויז. איצט, ווינטערצײַט, איז דאָס אַלץ אײַנגעשלאָפן – עס איז קאַלט אין דרויסן. צום אָנהייב פרילינג וועט אַלץ ווערן גרין און באַבלימט.

בײַ די הינער און טויבן

ווי שטאַרק זענען געווען איבערראַשט די קינדער, ווען זיי האָבן דערזען די גרויסע אויפעס־פלעצער און די הינערשטאַלן. זיי זענען צוגעווינט צו זען, ווי מע האַלט אויפעס אין ענגע, שמוציקע שטײַגן, און דאָ איז גאָר אַנדערש.

דער אויפזעער דערקלערט, אַז די אַלטע אויפעס האָבן איין שטאַל, און די יונגע אַן אַנדערן. אויך די פלעצער זענען פונאַנדערגעטיילט. יונגע אויפעס זענען דאָ פאַראַן נאָר זומער. די אייער ווערן אויסגעוואַרעמט נישט אונטער קוואָקעס, נאָר אין אַ מאַשין אַזאַ — אינקובאַטאָר הייסט די מאַשין.

די לערערין קאַנע ווײַזט די קינדער דעם אינקובאַטאָר און דערקלערט זיי, אַז די אייער ליגן אין דער מאַשין ווי אונטער דער קוואָקע 21 טעג. עס וואַרעמט זיי דער אַ נאַפטלאָמפּ, וואָס ברענט די גאַנצע 21 טעג און מע מוז אָפּהיטן, אַז עס זאָל זײַן – נישט צו וואַרעם און נישט צו קאַלט — 38 גראַד.

די הינדעלעך, ווי די אויפעס ביכלאַל, האַלט מען ריין און ציכטיק: מען רייניקט יעדן טאָג דעם שטאַל און מע גיט זיי פריש עסן און פריש וואַסער. די שפּײַז־קיילים ווערן אויך געוואַשן, און דער הינערפּלאַץ ווערט יעדן טאָג אויפגערוימט.

די קינדער האָבן דאָ געזען ספּעציעלע קיילים צום עסן, וואָס זענען אַזוי געמאַכט, אַז די אויפעס זאָלן נישט קענען אַרײַנקריכן מיט די פיס און נישט פאַרשמוצן די שפּײַז און דאָס וואַסער.

— יעדע הון האָט בײַ אונדז אַ נומער. ווען אַ הון גייט אַרײַן אין אַ נעסט לייגן אַן איי, פאַרמאַכט זיך דאָס נעסט פון



זיך אַליין. און ווען מע נעמט אַרויס דאָס איי, לאָזט מען אַרויס די הון און מע שרײַבט אָן אויפן איי דעם נומער פון דער הון. מע פאַרשרײַבט אויך אויף אַ ספּעציעלן בויגן, אַז די הון האָט זיך געלייגט.

פון די פאַרשרײַבונגען ווייסט מען — מיט דער צײַט — וועלכע הינער עס לייגן זיך אָפט און וועלכע לייגן גרויסע אייער.

מיר האָדעווען נאָר איין ראַסע — ווײַסע לעגהאָרן־הי־נער, ווײַל זיי לייגן אַ סאַך אייער — בײַ 200 אַ יאָר.

צו די אויפעס קומען צו גאַסט גאַנצע מאַכנעס קאַווקעס, קראָען, סראָטשקעס און שפּערלעך פון אַרום. דאָ פעלט נישט קיינמאָל קיין שפּײַז, און קיינער שטערט זיי נישט עסן.

ביפראַט איצט, ווינטער, ווען עס איז שווער צו געפינען שפּײַז, איז דער אויפעס־פּלאַץ פון דער סאַנאַטאָריע טאָמיד גאַסט־פרײַנדלעך פאַר אַלע באַפליגלטע פרײַנד. מיר שטעלן אויך אַרויס אַ פויגלטיש און גיבן יעדן טאָג צו עסן די פייגל.

דער כאַוווער מאָטל, וואָס היט די אויפעס ווי אַן אויג אין קאָפּ, פאַרגעסט נישט, אַז עס איז קאַלט אין דרויסן — ער האָט אָוועקגעשטעלט אַפילע אין הינערשטאַל אַן אייוועלע, אין

פרעסט הייצט ער, קעדיי עס זאָל זײַן וואַרעם. פון די פענצטער, מיט וועלכע מע באַדעקט זומער די ספּעקטן, האָט ער אָפּגעצוימט פאַר זיי אַ „וועראַנדע”, וואָס איז געשיצט קעגן ווינטן.

* * *

אויפן הינערפּלאַץ געפינט זיך אויך דאָס ט ו י ב נ ה ו י ז.



די טויבן שטעלן מיט זיך פאַר די פאַרביקסטע געזעלשאַפט. עס דרייען זיך אַרום ווײַסע מעווקעס, טונקעלע פּאָסטטויבן, געשפּריצטע ווינער, קאַשטאַנעס מיט ברוינע, קאַשטאַנעוואַטע בײַכער און ווײַסע פליגל, גאַרלאַטשן מיט גרויסע גוידערס, פּאַווע־טויבן מיט פּאַווע־אַרטיקע עקן.

די אויפזעער קענען שוין אָנרופן אַלעמענס נעמען. זיי ווײַזן די טשאַלדאַקעס, ווי עס זעט אויס אינעווייניק בײַ די טויבן, אין טויבנשלאַק. יעדעס נעסט איז נומערירט, און ריין איז אומעטום וומער איז דאָ לעבעדיקער — אין די נעסטן זיצן טויבן אויף אייער אָדער האָדעווען יונגע.

דער אויפזעער פון די טויבן האָט אויפגעהויבן אַ לאַנגן דראָנג מיט אַ שמאַטע אויפן שפּיץ און האָט אַ יאָג געטון די טויבן. בײַ 30 פּאָר האָבן זיך אָפּגעריסן פון דאַך און האָבן אָנגעהויבן קרײַזן אַרום דער סאַנאַטאָריע. די קינדער האָבן פּאַר־



ריסן די קעפּ און האָבן נאָכגעקוקט ביז די טויבן האָבן זיך געזעצט אויפן דאַך פון דער הויכער געביידע.

— מיר האָדעווען אויך קיניגלעך, אָבער צו זיי וועלן מיר שוין גיין אַ צווייט מאָל.

— איצט מוזן מיר איבעררײַסן. ביז צום צווייטן פרישטיק קענען די נײַע קינדער דאָ בלײַבן אויפן הינערפּלאַץ און צוקוקן זיך צו די אויפעס און טויבן.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער שפּאַציר איבערן בײַ-ווינקל פון דער מעדעם-סאַנאַטאָריע.

ווינטער אין וואַלד

אַ פריילעכער קינדער-געלעכטער טראָגט זיך פון אונטער איבערן הויף פון דער מעדעם-סאַנאַטאָריע. עס איז נאָכן פרישטיקמע גרייט זיך צו אַ שפּאַציר.

אַ ווײַסער שניי באַדעקט אַלץ. קינדער שטיפער גייען נישט איבער די אויסגעטראָטענע וועגן, זיי לויפן דאַפקע איבערן שניי, מע מאַכט שנייקוילן און מע וואַרפט זיך מיט שניי.

נאָר אָט באַווײַזט זיך שוין דער לערער און גיט אַ סיגנאַל צום אַוועקגיין.

כעוורע שיט זיך אַרויס דורכן טירל פון דער פאַרצוימונג, וואָס נעמט אַרום די סאַנאַטאָריע, און מע לאָזט זיך גיין אין וואַלד אַרײַן.

דער וועג צום וואַלד איז נישט ווײַט, די סאַנאַטאָריע גרענעצט זיך אייגנטלעך מיטן וואַלד. עס איז יונגוואַלד אַרום. עס וואַקסן דאָ דערהויפּט סאָסנעס.

הײַנט, אין אַ שנייִקן ווינטערטאָג, זענען די סאָסנעס שענער ווי געוויינלעך. אויפן ווײַסן פאָן טיילן זיך בעסער אויס זייערע גרינע קרוינען; אַפילע די ברוינלעכע שטאַמען פון די סאָסנעס האָבן הײַנט מער כיין.

ווען מע קוקט זיך צו פונדערווײַטנס, דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ קינסטלעכע דעקאָראַציע — ווי אין אַ טעאַטער. די געלע

און ברוינלעכע סאָסנע־שטאַמען מיט די טונקלגרינע קרוינען, וואָס זענען אויך באַדעקט מיט שניי, זעען אויס אַזוי פאַנטאַסטיש, ווי אַ בילד אין אַ שיין מייַסעלע.

אַ בלויער הימל מיט זון און ליכט באַשייַנט דעם אַרום...

ריינע לופט, וואָס מע קען קימאַט שפּירן איר סמאָלע־רייעך, רייַסט זיך אַרייַן אין די לונגען, גייט זיך פונאַנדער אין בלוט, און פאַרבט צו אויף ראָז די באַקן.

עס איז אַזוי גוט דאָ איצט...

פּלוצלונג דערהערט מען דאָס קלאַפּן פון פּיקהאָלץ.

דער לערער גיט אַ סימען, עס זאָל ווערן שטיל, און די פריילעכע כעוורע קינדער שטעלט אָן די אויערן...

פּיק... פּיק... פּיק.

מע הערט אַזוי דייַטלעך – דער פּיקהאָלץ איז נישט ווייַט.

מע זוכט און מע געפינט באַלד.

אויף אַ סאָסנע, נישט ווייַט, גראָד אונטן אויפן שטאַם,

האַקט אַ גרויסער, שוואַרצער פּיקהאָלץ מיטן גאַנצן קויעך אין שטאַם אַרײַן.

ער איז אינגאַנצן שוואַרץ ווי אַ ראָב, נאָר דאָס קעפּעלע איז רויט — ווי אַ רויט היטעלע זעט עס אויס.

אָפּגעקלאַפּט אַ צײַט און אַוועקגעפלויגן... מיר לויפן צו אַ קוק טון, וואָס ער האָט דאָרט געטאָן.

שוואַרצער פּיקהאָלץ

אין אַ שפּאַלט פון דער קאָרע שטעקט אַ נוסשאָלעכץ. די שאָלעכץ איז שוין ליידיק און בײַם שטאַם ליגן נאָך אַנדערע ליידיקע שאָלעכצן.

זעט אויס, אַז דאָ האָט דער פּיקהאָלץ זײַן קוזשניע. אין דער אַלטער סאָסנע זענען דאָ גוטע שפּאַלטן, ווו מע קען אײַנקלעמען ניס. דער פּיקהאָלץ רײַסט זיי אָפּ פון די נאָענטע נוסקוסטעס און פּיקט זיי דאָ אויף.

מיר האָבן קוים באַוויזן אַוועקצוגיין פון דעם בוים, איז ער ווידער געקומען צו פליִען מיט אַ נוס אין שנאָבל.

איבער אונדזערע קעפּ איז פאַרבײַגעפלויגן אַ צווייטער פּיקהאָלץ. גרויס זעט ער אויס אין פליִען – קימאַט ווי אַ טויב. די פליגל זענען ברייטע און דער עק – אַ קורצער.

דער פּיקהאָלץ האָט מאָדנע געשריגן.

— אַ סוינע מוז דאָ זײַן נאָענט – זאָגט דער לערער.

דער פּיקהאָלץ דרייט זיך איבער אַ בוים און טרעט נישט אָפּ. פון אַרום קומען אַנדערע פייגל צו פליען, און אַלע מאַכן אַן אַלאַרם.

— דאָרט איז דער סוינע!

מיר דערנענטערן זיך און דערזעען אַ שפּאַרבער מיט אַ צוגערויבטן פויגל אין די קרעלן. מיר האָבן געמאַכט אַ גרויסן טומל און דער שפּאַרבער איז אַנטלאָפן. דאָס פייגעלע האָט ער אָפּגעלאָזן. עס איז אַראָפּגעפאַלן, אָבער עס איז שוין געווען טויט.

עס איז געווען אַ זיזיביי (שיקאָרע). — דער גרויסער שיינער זיזיביי. ווי שרעקלעך האָט ער איצט אויסגעזען: צעקאַליעטשעט, די פעדערן צעצופּט, אונטערן בוים זענען אויך געלעגן צעשאָטענע פעדערן.

— אַזאַ שפּאַרבער — דערציילט דער לערער — האָט זיך אַמאָל געיאָגט נאָך אונדזערע טויבן — עס איז אויך געווען ווינטערצײַט — און ער האָט זיך פאַריאָגט נאָך אַ טויב אַזש אין הינערשטײַג אַרײַן, אין דער באַגלאָזטער וועראַנדע. און דאָרט האָט ער זיך אַזוי אָנגעקלאַפּט אָן אַ שויב, אַז ער איז געפאַלן אַ טויטער. זעט אויס, אַז ער דערקענט נישט קיין שויב, און עפּשער איז ער געווען אַזוי פאַרנומען מיטן געיעג, אַז ער האָט נישט געקענט באַמערקן די שויב. גענוג, ער איז אַליין געפאַלן אַ קאָרבן פון זײַן רויבערײַ.

— ער האָט געמוזט זײַן גוט הונגעריק — האָט אַ קינד צוגעגעבן. — ווינטער האָבן נישט די שפּאַרבערס וואָס צו עסן. אין וואַלד זענען ווייניק פייגל פאַראַן.

— דעם טויטן שפּאַרבער האָבן מיר געלאָזן אויסשטאָפּן און ער געפינט זיך איצט אין אונדזער מוזיי — זאָגט דער לערער.

— שפּאַרבערס לאָזן זיך אַראָפּ מיט אַזאַ גיכקייט אויפן רויב, אַז זיי קענען זיך דערבײַ אַליין שעדיקן.

— אַ פויער האָט אַמאָל — דערציילט ווײַטער דער לערער — אַרויפגעשטעקט אויף אַ שפּיציקן דראָט אַ טויטע טויב און האָט זי געלאָזן שטיין אויפן דאַך. דער שפּאַרבער, וואָס

דער שפּאַרבער כאַפּט אַ פייגעלע.

פלעגט אָפּט קומען כאַפּן דעם פויערס טויבן, האָט דאָס מאָל אויך געוואָלט שטילן זײַן הונגער אין פויערס ווירטשאַפט.

דער שפּאַרבער האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צוויי מאָל גאָר הויך איבערן דאַך. אַלע טויבן האָבן זיך באַהאַלטן אין טויבנשלאַק, געבליבן איז נאָר די טויטע אויפן דאַך. ווי אַ שטיין האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער שפּאַרבער אויף דער טויב און האָט זיך דערבײַ אַליין אויפגעשטאָכן אויפן שפּיז. אַזוי האָט דער פויער געגומען נעקאָמע פאַר זײַנע שאָדנס.

ווען דער לערער האָט פאַרענדיקט דערציילן די מעשׂה וועגן שפּאַרבער, האָבן זיך שוין געהאַט באַרויִקט די פייגע-לעך – זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייער אַרבעט, צו זוכן שפּײַז.

גראָד איז לעבן אונדז אַנגעפלויגן אַ סטאַדע ז י ז י-ב יי ס.

זי... זי... בײ, זי .. זי... בײ - האָט מען דײַטלעך געהערט זייער רוף. טייל קינדער האָבן שוין געקענט די דאָזיקע פייגל פון אַנדערע שפּאַצירן. מען האָט זיי אויך געקענט פון זייערע וויזיטן בײַם פויגלטיש, וואָס געפינט זיך אין סאַנאַטאָריע. עס קומען אַהין: דער גרויסער זיזיבײ מיט די ווײַסע בעקעלעך, מיטן געלן בײַכעלע און מיטן שוואַרצן פּאַס אויפן בויך, דער געגריוועטער זיזיבײ (טשובאַטקע), שפּערלעך א״אַ.

דאָ צווישן די פייגעלעך האָבן מיר דערזען אויך דאָס לאַנגעקל. זײַן עק איז לענגער פאַרן קערפּער. און קונצן קען ער מאַכן ווי אַן עמעסער קונצנמאַכער, ווי אַלע שיקאַ-רעס.

ער פאַרטשעפּעט זיך אין די דינסטע צווײַגעלעך און הענגט אָפּט מיטן קאָפּ אַראָפּ, דערבײַ שטעקט דאָס עקעלע אַרויף ווי אַ פעדער אויף אַ היטל.

די זיזיבייס און לאַנגעקלעך האַלטן זיך אין סטאַדעס. יעדער זוכט פאַר זיך שפּײַז, אָבער מע וויל בלײַבן צוזאַמען.



גרויסער זיזיבײ לאַנגעקל געגריוועטער זיזיבײ

פון צײַט צו צײַט רופט מען זיך אָפּ מיט אַ סיגנאַל, אַנדערע ענטפערן, און מע זוכט ווײַטער שפּײַז.

פאַר מענטשן האָבן די פייגל ווייניק מורע, ווײַל ווער וועט דאָס טון שלעכטס די ליבע פייגעלעך?

– איך פלעג אַמאָל האָדעווען זיזיבייס – זאָגט דער לערער, – פלעגן זיי אומעטום אַרײַנקוקן און זוכן עפּעס צום פּיקן: אין די קעשענעס און אין די אַרבל פון די בעגאָדים, אין דער טעקע, אין מיסטקעסטל, אין יעדן שפּאַלט בײַ די ראַמען פון פענצטער און טירן. אַלץ אינטערעסירט זיי צו זען, און אַלץ דאַרפן זיי אויספּרובירן מיטן שנעבעלע.

דאָס פּיק־מיזעלע

אין וואַלד איז נישט אַזוי שטיל, ווי עס דוכט זיך: עס פליִען אַרום פייגל, איינציקווײַז און אין סטאַדעס. אין די קרוינען פון נאָדלביימער איז זיך לײַכט אויסצובאַהאַלטן. מע

הערט פון צײַט צו צײַט אַ פויגלרוף, עס ענטפערן אַנדערע, און עס ווערט ווײַטער שטיל.

סיט... סיט... סיט...

דאָס איז דאָס פּיק־מײַזעלע.

עס פליט פאַרבײַ, גלײַך עס וואָלט נישט באַדאַרפט זיך היטן פאַר קיינעם. מיר שטייען נאָענט, אָבער דאָס שטערט אים נישט.



דאָס פּיק־מײַזעלע זעצט זיך נישט אויף קיין צווײַג, עס פאַלט גלײַך צו צום שטאַם. עס האָט שאַרפע נעגל און קען קריכן אויבן גלײַכן שטאַם ווי אַ מײַזעלע.

סיט... סיט... סיט...

— אָט דאָ בין איך — הייסט עס, און אַ צווייט פּיק־מײַזעלע ענטפערט פון אַ צווייטן בוים מיט דעם זעלביקן סיגנאַל: סיט... סיט... סיט...

— און איך בין דאָ — הייסט עס.

אָט קריכט עס גאָר מיטן קאָפּ אַראָפּ. דער קערפער איז דיקלעך, דער עק — ברייט און קורץ, דער שנאָבל שטאַרק און אַ ביסל אַרויפגעבויגן. מיט אָט דעם שנאָבל בייגט עס לײַכט אָפּ די קאָרע, וואָס שיילט זיך, און זוכט שלאָפנדיקע אינסעקטן, שפּינען, אייעלעך פון אינסעקטן א״אַ.

עס פליִען שטיקעלעך קאָרע, סײַ פון אונטער די פיס, און סײַ פון אונטערן שנאָבל.

איין בוים אַרומגעקוקט, רוט מען נישט, נאָר מע פליט ווײַטער, אויף אַ צווייטן בוים, און דאָרט ווידער דאָס זעלביקע: ווידער געזוכט, און ווידער אַזוי — מיטן קאָפּ אַראָפּ.

דאָס בוים־מײַזעלע

דאָס בוים־מײַזעלע איז אַן אַנדער מין קלעטערער — עס קריכט פון אונטן, פון אָנהייב שטאַם, אויף אַרויפצו. דערבײַ שפּרינגט עס מאָדנע אונטער — פּונקט ווי אַ מײַזעלע.

אַ שפּרונג — און דאָס בוים־מײַזעלע פאַרהאַקט זיך מיט די שאַרפע קרעלן פון די פינגער. ווידער אַ שפּרונג אויפן גלײַכן שטאַם, און עס בלײַבט ווידער שטיין. דרײַ פינגער — פאָרויס און דער פערטער — אויף הינטן. אָט אַזוי איז גוט צו קלעטערן.

דאָס בײַכעלע איז העל, דער רוקן — גרוי, דאָס שנעבעלע קאָסע־אַרטיק אויסגעבויגן אויף אַראָפּ, און דער עק איז לאַנג. מיטן עק שפּאַרט עס זיך אונטער בײַם קלעטערן.

צי ווייסט דאָס בוים־מײַזעלע, אַז דאָ אונטן — אויף די שטאַמען פון דיביימער — זענען די גרעסטע שפּאַלטן אין דער קאָרע און אַז דאָ איז צום בעסטן צו זוכן גוילעמלעך, שפּינען און אַנדערע אַזעלכע געשמאַקע, פליישיקע מײַכאָלים?

ווער ווייסט?

ווי נאָר עס קלעטערט אַרויף העכער, דאָרט וווּ די קאָרע איז שוין גלאַטיק און קיין שפּאַלטן זענען נישטאָ, פליט עס אַריבער אויף אַ צווייטן בוים, און הייבט ווײַטער אָן פון אונטן.

עס קריכט נישט אייגנטלעך גראָד אַרויף — עס דרייט זיך אַרום בוים: באַלד איז עס פון פאָרנט, און באַלד פאַרשווינדט עס הינטערן בוים. מיר לויפן נישט נאָך נאָכקוקן, ווײַל אין אַ ווײַל אַרום איז דאָס „מײַזעלע" ווידער אויף אונדזער זײַט פון בוימשטאַם.

אָט האָט עס עפּעס געפונען — עס פּיקט און פּיקט אין שפּאַלט אַרײַן.

ווען דאָס בוים־מײַזעלע איז אַוועקגע־

פליגן, זענען מיר צוגעגאַנגען אַ קוק טון: געבליבן איז נאָר אַ צעצופּט הײַטעלע פון אַ גוילעמל.

מיר זוכן אויך אין די שפּאַלטן פון דער קאָרע און געפינען קאָל טווו: זשוקעלעך, גוילעמלעך און אונטער אַ שטיק קאָרע האָט בערעלע געפונען אַ סאַך זעקלעך פון שפּינוועבס. אין יעדן זעקלעלע איז געשלאָפן אַ שפּין.

ווען מיר האָבן געעפנט אַ זעקעלע, איז די שפּין אַרויסגעקראָכן אַ פאַרשלאָפענע, און האָט קוים געקענט האַלטן זיך אויף די פיס — ווי אַ שיקערע.

גימפּלען קנאַקן קליאָנפּרוכטן

אַ טשאַטע גימפּלען האָט זיך אויסגעזעצט אויף אַ קליאָן.

גימפּלען זענען גרויסע פייגל — זיי זענען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי שפּערלעך. זיי זענען דיק, באַוואַקסן מיט געדיכטע, וואַרעמע פעדערן. דער רוקן איז גרוי אָדער רויט. גרוי זענען זיפּן, רויט — ערן.

מאָדנע זעען זיי אויס, ווען זיי זיצן, — קימאַט ווי קליינע פאַרביקע פּאַפּוגעס. און פויל איז די כעווריע: מע זיצט און מע רירט זיך נישט פון אָרט.

אויף דיביימער הענגען נאָך די פּרוכטן — די נעזער.

אין אַ ווינטיקן טאָג ברעכן זיי זיך אָפּ און פליִען אַראָפּ צו דער ערד. קינדער שפּילן זיך מיט די פּרוכטן: מען עפנט זיי, נעמט אַרויס די יאָדערעס, און מע טוט אָן די שאָלעכץ אויפן נאָז — דערפון דער נאָמען „נעזער“.

אויך די גימפּלען קענען די מעלאָכע: זיי רײַסן אָפּ די פּרוכטן מיטן שנאָבל איינציקווײַז, קנאַקן זיי אויף מיטן דיקן און פעסטן שנאָבל, אַזוי ווי מיר קנאַקן קערעלעך פון זונבלומען אָדער פון דיניעס. זיי זענען אָבער פלינקער פאַר אונדז, ווײַל זיי טוען אַלץ מיטן שנאָבל — קיין הענט דאַרפן זיי נישט האָבן צו הילף.

דאָס זיצן אויפן בוים און דאָס קנאַקן האָט אויסגעזען



א גימפל

ווי אַן עמעסע סודע. פון צײַט צו צײַט האָט זיך אויך אָפּגע־רופן ווער פון זיי מיט אַ קלאַנג — עפּשער האָט מען געפּלוידערט וועגן טאַם פון די „נעזער“ און עפּשער וועגן שיינעם וועטער. גיל... גיל...— איז זייער רוף. עס איז נישט קיין פויגלגעזאַנג, דער רוף איז מער ענלעך צו אַ פּײַף. דער ער קען זיך אָבער אויך אויסלערנען זינגען און נאָכמאַכן אַנ־דערע זינגפייגל.

צוליב דעם רוף הייסט דער פויגל אַנדערש אויך גיל (אין פּויליש) *).

די פייגל זעט מע נישט אַזוי אָפט בײַ אונדז — אין דער נאָענט פון מענטשלעכע יישוווים — זומערצײַט. זיי געפי־נען זיך דאַן אין די וועלדער. ווען עס ווערט אָבער קאַלט, קומען זיי נענטער צו פליִען, אויך אין די שטעט, און דער־נערן זיך מיט פּרוכטן (יאַגדעס) פון דיביימער און קוסטעס. קנאָספּן עסן זיי אויך.

זיי פאַרצערן די יאַגדעס צוזאַמען מיט דער זריִע, אָבער אין מאָגן ווערט איבערגעקאָכט נאָר דאָס יאַגדעפליש. די האַר־טע זריִע־קערנער בלײַבן גאַנץ, און גייען אַרויס מיטן קאַל.

*) אין רוסיש הייסט ער סניעגיר — ד״ה שנייפויגל.

אויף דעם אויפן פאַרשפּרייטן זיי זריִעס פון אַלערליי געוויקסן.

גימפּלען זענען נישט שרעקעוודיק, אַפילו נאַריש. איך האָב געזען, ווי מע נעמט זיי אַראָפּ פון די ביימער מיט אַ פּעטליע פון אַ פערדישער האָר.

מע בינדט צו די פּעטליע צו אַ לאַנגן שטעקן, און מע טוט זיי אָן די פּעטליע אויף די פּיס. די רויִקע פייגל פאַר-שטייען נישט די סאַקאָנע און אַנטלויפן נישט.

— מיר האָבן פּרובירט האָדעווען אין דער סאַנאַטאָריע גימפּלען זומערצײַט — דערציילט דער לערער, — אָבער דאָס האָט זיך אונדז נישט אײַנגעגעבן. מיר האָבן דאַן געהאַט אַ גאַר גרויסע שטײַג. אַ שטײַג ווי אַ שטוב, וואָס האָט זיך אָנ-געטאָן אויף אַ גאַנצן קוסט. די גרויסע שטײַג מיט דראָטענע נעצלעך איז אָבער אויך געווען אַ געפענגעניש פאַר די פייגל— זיי האָבן געזען אַרום זיך דעם ברייטן גאָרטן און דעם סאָד, און האָבן זיכער געבענקט צו דער פרײַהייט, צום וואַלד... עס פלעגט טרעפן, אַז פייגל פון דער פרײַ פלעגן צופליִען צו דער שטײַג און אַרײַנקוקן אַזוי ווי מיר קוקן מיט ראַכמאָנעס אויף געפאַנגענע הינטער קראַטעס. קינדער פלעגן דערלאַנגען די פייגל נישט נאָר קאָנאָפּיעס און וואַסער, זיי פלעגן אויך כאַפּן פליגן פאַר זיי. אָבער מיר האָבן נישט געקענט לאַנג צו-קוקן זיך צום אומעט פון די פייגל און מיר האָבן זיי באַפרײַט.

אונדזער לערער קען נאָכמאַכן דעם רוף פון גימפּלען אַזוי גוט, אַז ווען ער רופט, ענטפערן זיי מיט דעם זעלביקן גיל... גיל...

— לאָמיר, קינדער, זיך אויסלערנען דעם רוף.

אַלע האָבן אָנגעהויבן פײַפן ווי גימפּלען, אָבער נישט אַלע האָבן עס גלײַך געקענט. עס איז אַנטשטאַנען אַזאַ געפײַ-פערײַ, אַז די גימפּלען האָבן זיך איבערגעשראָקן און זענען אַנטלאָפן.

די כעוורע קינדער איז זיך דאַן אויך פונאַנדערגעלאָפן— ווי אַ סטאַדע פייגל.

גיל... גיל... — האָט מען געהערט פון אַלע זײַטן שוין קימאַט גוט נאָכגעמאַכטע גימפּלרופן.

די קינדער שטיפן ווידער אין דער זון און אין שניי. מע טרייסלט די מיט שניי באַדעקטע צווײַגן, און זילבערנע, פינקלדיקע שנייעלעך שיטן זיך פון דיביימער אויף די, וואָס שטייען אונטערן בוים. ווען עס טרעפט וועמען גראָד הינטערן קאָלנער, הערט מען אַ קוויטש, און אַנדערע — לאַכן.

אָנגעשטיפט זיך, לאָזט מען זיך גיין צוריק אין סאַנאַ־טאָריע אַרײַן. די קינדער זענען צעוואַרעמט, גלײַך עס וואָלט גאָרנישט קאַלט געווען. עס איז טאַקע נישט קאַלט, ווען מע באַוועגט זיך אין דער זון, כאָטש ס'איז אַ פרעסטל.

אָט זעט מען שוין דעם רויטן סאַנאַטאָריע־דאַך און עס רײַסט זיך פון אַלעמענס העלדזער אַרויס דאָס אַלט באַקאַנטע ליד:

אין מיעדזעשין איז דאָ אַ סאַנאַטאָריע
מיט אַ רויטן דאַך,
און אין סאַנאַטאָריע היילן זיך) ביס
קינדערלעך אַ סאַך.)

נאָכן שפּאַציר האָט מען געגעסן מיט אַ גרויסן אַפּעטיט דעם צווייטן פרישטיק. און מע איז אַרויס מיט קאָצן אויס־לייגן זיך אויף די ליגשטולן, וואָס שטייען אויף דער וועראַנדע.

די וווּנדערלעכע באַגעגעניש מיט קרײַץ־שנאָבלען

נאָכן מיטאָג האָבן מיר געהאַט אַ גרויסע איבעראַשונג.

אין מיעדזעשין ווייסן אַלע, אַז די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אַ סאַנאַטאָריע נישט נאָר פאַר קינדער, נאָר אויך פאַר אַלע באַשעפענישן. ווען סע פאַלט אַמאָל אַרויס אַ פייגעלע פון נעסט, ווען מע געפינט ערגעץ אַ סראָטשקע מיט אַ צעבראָכע־

נעם פוס, אָדער מיט אַ באַשעדיקט פליגעלע, ברענגט מען זיי אין סאַנאַטאָריע אויף קוראַציע.

מיר האָבן שוין נישט איינמאָל געהאָלפן אַזעלכע אומגליקלעכע.

מיר האָבן אַמאָל אויסגעהאָדעוועט אַזוי אַ קאַווקעלע, ביז איר צעבראָכן פליגעלע האָט זיך פאַרהיילט.

די בלויאויגיקע קאַווקע איז אַפּגעוועזן אַ גאַנצן זומער צוזאַמען מיט אונדזערע אויפעס, זי פלעגט שוין שפּעטער אַליין אַוועקגיין אין וואַלד און אין אָוונט קומען נעכטיקן אין הינער-שטײַג.

דעם לעצטן זומער האָט מען אונדז געבראַכט אַ קליין סראָטשקעלע צום האָדעווען. זי האָט פאַרבראַכט בײַ אונדז אַ לאַנגע צײַט און איז אַן אויסגעוואַקסענע אַוועקגעפלויגן.

הײַנט האָט אויך געטראָפן אַזאַ פאַל. מע האָט אונדז געבראַכט אַ פייגעלע מיט אַ צעדרייטן שנאָבל. אַ קריסטלעכע כאַווערטע פון פערסאָנאַל, וואָס וווינט מיכוץ דער סאַנאַטאָריע, האָט געבראַכט דאָס פייגעלע און דערציילט, אַז דער קריפּל איז פאַרפלויגן צו זיי אין שטאַל. ווי גרויס איז געווען זייער פאַרווונדערונג, ווען זיי האָבן דערזען, אַז זײַן שנאָבל איז צעדרייט.

מיר קוקן זיך צו און זעען, אַז ס'איז טאַקע אַזוי: ביידע שפּיצן פון שנאָבל זענען פונאַנדערגעבויגן — איינער אויף רעכטס, דער אַנדערער — אויף לינקס.

— ווי קען אַזאַ פייגעלע עסן?

— צי איז עס אַזוי געבוירן געוואָרן?

— און עפּשער האָבן עס אַנדערע פייגל געהאַרדעוועט?

אַזעלכע פראַגן האָבן זיך געלאָזט הערן פון די קינדער, ווען זיי האָבן באַטראַכט די קאַליקע.

— וואָס זאָלן מיר טון מיט דעם פייגעלע — פרעגט דער אויפזעער פון ביאָ-צימער? אַפּלאָזן עס — וועט עס עפּשער אומקומען, האָדעווען עס — איז מיט וואָס?

מע דאַרף גיין צום לערער „מוכאָלאַפּסקי" *), — האָט גע-
געבן אַן אייצע הירשעלע.

— יאָ, יאָ... — האָבן אַלע געענטפערט אין אַ כאָר און
מע איז אַוועק רופן דעם לערער.

דערווײַל האָט דער אויפזועער אַרײַנגעלאָזט די קאַליקע
אין אַ שטײַגעלע, און עס אַוועקגעשטעלט אויף אַ שאַפע
אין מוזיי.

דאָס פייגעלע האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף אַ שטעקעלע
עס האָט זיך אַרומגעקוקט פאַרכידעשט, ווײַל גראָד אויף דער
זעלביקער שאַפע זענען געשטאַנען עטלעכע אויסגעשטאָפּטע
פייגל, און ווען עס האָט דערזען העגנגען אין מיטן צימער אַן
אויסגעשטאָפּטן שפּאַרבער, האָט עס זיך גאָר איבערגעשראָקן,
און האָט אָנגעהויבן וואַרפן זיך אין שטײַג.

דערווײַל איז אָנגעלאָפן דער לערער „מוכאָלאַפּסקי". דער-
הערט, אַז עס איז דאָ עפּעס נײַעס, גייט ער נישט, נאָר ער
לויפט.

— לערער, אַ נײַער טשאָלדאַק!

— לערער, אַ נײַער סאַנאַטאָריסט!

— לערער, אַ קאַליקע מיט אַ פאַרקרימטן שנאָבל!

מיט אַזעלכע אויסרופן האָבן די קינדער באַגעגנט דעם
לערער.

— וואָס פאַר אַ קאַליקע? — שרײַט אויס דער לערער —
עס איז דאָך דער קרייצשנאָבל! נאַרעלעך מײַנע, פּיפּערנאָטער-
לעך! צי האָט איר טאַקע נישט געהערט קיינמאָל וועגן דעם
קרייצשנאָבל? אָט, זעט נאָר זײַן בילד!

אויף דער וואַנט העגנען פייגלבילדער, און בעעמעס
צווישן אַלע איבעריקע פייגל זעט מען דאָס בילד פון קרייצ-
שנאָבל מיט די פאַרקרימטע שפּיצן פון שנאָבל.

— מיט אָט דעם שנאָבל רײַסט ער פונאַנדער די שיש-

---

*) ד"ה פליגנכאפּער. אַזוי האָט מען אַמאָל אָנגערופן דעם לערער ב.

דער קרייצשנאָבל רייסט פונאנדער א שישקע.

קעס פון נאָדלביימער, און נעמט אַרויס פון זיי די זאָמען — דערקלערט שוין דער לערער.

די קינדער האָבן זיך אָנגעקוקט דערשטוינטע. דערווײַל זענען אָנגעלאָפן אַנדערע קינדער, ווײַל די ידיעה וועגן נײַעם „סאַנאַטאָריסט" האָט זיך גיך פאַרשפּרייט אין דער סאַנאַטאָריע און מע איז געקומען אָנקוקן דעם נײַעם גאַסט.

דעם אַנדערן טאָג איז שוין געווען אַ מעלדונג פון נאַ־טור־קאָרעספּאָנדענט אין „אונדזער ראַדיאָ" וועגן דער קלוימער־שטער „קאַליקע". עס איז געווען געמאָלדן, אַז די פייגל באַ־ווינען די צאָפּנדיקע נאָדלוועלדער, און ווען עס ווערט בײַ אונדז ווינטער, קומען זיי צו פליִען אַהער. זייער הויפּטשפּײַז זענען זאָמען פון שישקעס.

דער נאַטורקרײַז האָט אויך אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג און באַראַטן זיך וואָס צו טון מיטן קרייצשנאָבל. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַפרײַען אים, אָבער קעדיי די קינדער זאָלן קענען באַטש זען ווי ער באַאַרבעט מיט זײַן שנאָבל די שישקעס, וועט מען אים האַלטן אַ טאָג צוויי אין סאַנאַטאָריע און דערנאָך אַרויסלאָזן.

מע האָט אָנגעטראָגן שישקעס אין שטײַג און געוואַרט ווי אויף אַ בייז ווונדער אויף דעם ספּעקטאַקל.

אויפרײַסן אַ פרישע שישקע איז נישט פון די לײַכטע זאַכן. צוויי יאַטן האָבן זיך פּאַרועט: ווער פון זיי עס וועט עס מאַכן בעסער. מע האָט געאַרבעט מיט נעגל און ציין, און עס איז נישט געגאַנגען. אַזוי ווי דער קרייצשנאָבל האָט עס קיינער גישט געקענט. ער רוקט אַרײַן די שפּיצן פון שנאָבל אונטער אַ שופּ און בייגט לײַכט אָפּ די שופּ.

קינדער האָבן געקוקט און געגאַפט.

דערווײַל האָט זיך פאַרשפּרייט אין סאַנאַטאָריע אַ צווייט נײַעס, אַז די זעלבע כוואַרטע, וואָס האָט געבראַכט דעם קרייצ־שנאָבל, האָט געבראַכט נאָך אַן אינטערעסאַנטע ידיעה: אויף איינעם פון די ביימער — אין שכיינעס פון זייער ווילע —

האָט איר ברודער געפונען איצט, אין מיטן ווינטער, אַ נעסט מיט װאַרעמע אייעלעך פון פייגל.

דער לערער איז אַוועק קוקן און האָט באַשטעטיקט דאָס נײַעס. דאָרט איז געווען אַ נעסט און טאַקע פון קרײַצשנאָבלען.

דער נאַטורקרײַז האָט געמאַכט דעם ערשטן שפּאַציר אַהין און האָט אויסגעפאָרשט, אַז אונטער אַ פאַרשנייטן צווײַג, גאָר נידעריק, זיצט אין נעסט אַ קרייצשנאָבל.

דער פויגל, וואָס איז געזעסן אין נעסט, איז געווען גרוי און דער געכאַפּטער האָט געהאַט רויטלעכע פעדערן אויפן רוקן.

ווען מע האָט איבערגעלייענט אין שמיילס זאָאָלאָגיע דעם קאַפּיטל וועגן קרײַצשנאָבלען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער געכאַפּטער פויגל איז דער ער, און די זי איז גרוי.

פון דעם בוך האָט מען אויך אַרויסגעלייענט, אַז דאַפקע ווינטערצײַט, ווען די שישקעס זענען צײַטיק, געפינט דער קרײַצשנאָבל צומיינסטן שפּײַז און דאַן בויט ער נעסטן און האָדעוועט די יונגע. די קעלט איז פאַר אים נישט קיין שטער.

די ערשטע דרינגענדע זאַך איז געווען, נאַטירלעך, צו באַפרײַען דעם ער, ווײַל ווער ווייסט, צי וועט די זי אַליין וועלן זיצן אויף די אייעלעך.

מע האָט אים טאַקע גלײַך אַרויסגעלאָזן.

דעם אַנדערן טאָג האָבן זיך אָנגעהויבן וואַנדערונגען פון גרופּקעס קינדער מיטן לערער צו יענעם וועלדל.

שטיל באַהאַלטן אונטער ביימער, האָבן קינדער געטשאַטעוועט און געקוקט צום נעסט.

איין מאָל האָבן אַפילע קינדער געזען אַ גאַנצע סטאַדע קרײַצשנאָבלען אויף אַ פּיכטנבוים. די קרײַצשנאָבלען זענען באַפאַלן די שישקעס און האָבן זיי באַאַרבעט.

דער לערער „מוכאָלאַפּסקי״ איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין דער זאַך, אַז ער פלעגט פאַרגעסן אין עסן. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער לויפן דער ערשטער זען וואָס דאָרט טוט זיך. איינמאָל האָט ער געבראַכט אַ פריילעכע בסורע, אַז עס זענען שוין אַרויס יונ-

גע — ער האָט געפונען די שאָלעכצן פון די אײעלעך אונטערן בוים.

אַ צווייט מאָל איז מען געוואָר געוואָרן, אַז די יונגע האָבן שטאַרק פּוכיקע קערפּערלעך, ווײַל אַנדערש ווי וואָלטן זיי דען אויסגעהאַלטן די ווינטערקעלט? די גרעסטע סענסאַציע איז געווען, אַז זייערע שנעבלעך זענען גלײַכע, נישט אויסגעקרימטע ווי בײַ די עלטערן.

— ערשט מיט דער צײַט, ווען די יונגע וואַקסן אונטער, קרימען זיך אויס זייערע שנעבעלעך — האָט דערקלערט דער לע־רער.

קרײַצשנאָבלען זענען די עמעסע וואַנדערנדיקע ציגײַנער צווישן די פייגל. זיי האָבן נישט אייגנטלעך קיין היים. ווו זיי געפינען שפּײַז, דאָרט איז זייער היים — דאָרט בלײַבן זיי און בויען זייער נעסט. זיי האַלטן זיך אויף מיינסטנס אין די פיכטן־און טענען־וועלדער, ווײַל די דאָזיקעביימער האָבן גרויסע שיש־קעס מיט פעטע זאָמען.

די זאָמען פון נאָדלביימער זענען אַזוי דורכגעזאַפּט מיט פעך, אַז דאָס פלייש פון קרײַצשנאָבל האָט דערפון אַ באַשטימטן בײַטאַם. רויבפייגל עסן עס נישט גערן.

דאָס פלייש איז אַזוי אײַנגעפעכט, אַז אַ טויטער קרײַצ־שנאָבל פוילט נישט אַזוי גיך. מע דערציילט, אַז זייערע טויטע קערפּערס צעפוילן נישט, נאָר זיי ווערן אײַנגעטריקנט ווי אַ מיצ־רישע מומיע.

* * *

אָט אַזוי זענען אַריבער טעג נאָך טעג. די קינדער, וואָס זענען געקומען אַהער אויף ווינטער־פּעריען, האָבן זיך אײַנגע־לעבט און האָבן באַלד פאַרגעסן, אַז זיי זענען ווײַט פון דער היים און פון די עלטערן. עס איז דאָ געווען זיכער בעסער ווי אין דער היים. מע האָט שפּאַצירט יעדן טאָג, אָפט פאַרבראַכט אויפן שנייטאָר און אויפן גליטש, מע פלעגט מער זײַן אין דרויסן ווי אין די צימערן. קינדער האָבן אויפגעהערט מוירע האָבן פאַר קעלט און פאַר פאַרקילונגען.

אין עסצימער, אין קלובצימער און אפילע אין די שלאָפ־צימערן פלעגן טאָמיד זײַן אָפן די אויבערשטע פענצטערלעך — נישט ווי אין דער היים.

דרײַ מאָל א וואָך האָט מען זיך געבאָדן אונטער די דושן, און עס איז בעעמעס געווען גאָר אַנדערש ווי אין דער היים.

אַפּעטיט צום עסן האָט אויך נישט געפעלט. עס איז אַלע־מען צוגעקומען אין וואָג. די פּנעמער זענען געוואָרן ראָז און די שטימונג — א גלענצנדיקע.

די בײַ אָנגעקומענע קינדער האָבן אויך איבערגענומען אַמטן אין דער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

גיטעלע פון בראַסלאַוו איז געוואָרן אַן אויפזעערין אין בײַאָ־צימער. מוישעלע און שלוימעלע פון דער כמורנער־שול זענען גע־וואָרן קאָרעספּאָנדענטן פון „אונדזער ראַדיאָ”. טאָליע און ליובע זענען געווען שטאַרק פאַרטאָן בײַ די צוגרייטונגען צום סילוועס־טער־אָוונט או״וו.

אַלע קינדער וואָס האָבן געוואָלט זינגען, האָבן געמאַכט פּראָבעס מיטן לערער יאַנקל אין כאָר. גאַנצע טעג האָבן זיך געטראָגן פרײלעכע געזאַנגען איבער די צימערן פון דער סאַנאַטאָריע — מע האָט זיך געגרייט צום נײַיאָרבאַל.

גרויסע איבערראַשונגען צום באַל האָט געגרייט דער לע־רער באַטקע—ער האָט אַלץ געהאַלטן בעסאָד. זײַנע פּראָבן פלעגן פּאָרקומען מיט עטלעכע עלטערע קינדער אין דער קאַנצעלאַריע בײַ פאַרמאַכטע טירן.

דער נײַיאָרבאַל

דעם טאָג פאַרן סילוועסטער האָט מען געמאַכט די לעצטע צוגרייטונגען. די לערערין כאַנע האָט אַלעמען צוגעפּאַסט די קאָסטיומען, און מוישעלע האָט אויסגעענדיקט די דעקאָראַציעס.

קאָסטיומען זענען געווען פאַר אַלע קינדער, און קאָלערליי: כינעזישע, אַראַבישע, אינדיאַנישע און פאַרשידענע פּוילישע — קראָקעווער, הוצולישע, לוויטשער א״אַ.

ווען די קינדער האָבן זיך געלייגט רוען נאָכן מיטאָג ווי געוויינלעך, האָט אַ לויף געטון דער זייגער און מע איז אויפגעשטאַנען עפּעס גאָר שפּעט. פינצטער איז שוין געווען, האָט מען אַפילו געקענט מיינען, אַז עס איז שוין בעעמעס שפּעטער אָוונט.

מען איז אַוועק זיך איבערטון, און צוביסלעך האָבן אָנגעהויבן אַרײַנמאַרשירן גרופּקעס איבערגעטוענע קינדער, אין יאָנטעוודיק אויסגעפּוצן גרויסן זאַל.

עס זענען געווען אויך פּאַרמאַסקירטע קינדער, און עס איז נישט לײַכט געווען זיי צו דערקענען. די כינעזער, אינדיאַנער א״אַ זענען געווען אויך גוט גרימירט.

און אויף איין מאָל לאָזט זיך אַרײַן אַ קאַראַוואַנע אַראַבער מיט „אַללאַ״-אויסרופן און הינטער זיי מאַרשירט אַ קעמל, דוכט זיך אַן עמעסער קעמל מיט אַ בעדוין אויפן הויקער.

דאָס איז געווען דעם לערער באַטקעס סיורפּריז. ווי ער האָט עס אויסגעמײַסטערט דעם קעמל, האָט נישט געקענט בלײַבן אַ סאָד, ווײַל כעוורע קינדער האָט גלײַך אויסגעפּאָרשט די פיס, און מע האָט געמאַכט די אַנטדעקונג, אַז די פאָדערשטע פיס פון קעמל געהערן צו מוישעלען און די הינטערשטע זענען אויך מענטשישע.

ס׳איז געוואָרן אַזאַ הוהאַ, אַז מע האָט זיך לאַנג נישט געקענט באַרויִקן.

און ווען ס׳איז געוואָרן שטיל, האָט זיך באַוויזן אַ צווייט בייז וווּנדער — אַ שטרויס. ער איז געווען אַזוי הויך, אַז נישט אַנדערש נאָר דער כאַווער מאָטל האָט אויסגעליִען זײַנע פיס.

דערווײַל האָבן זיך געהאַט אויסגעזעצט די אַראַבער און האָבן אָנגעהויבן זינגען אויף זייער שטייגער.

ווען זיי האָבן געענדיקט, האָבן געגעבן אַ נומער די כינעזערלעך מיט די קורצע נעזעלעך. זיי האָבן געזונגען און געטאַנצט:

טשינג טשאַנג טשו,
וער ווייסט ווו,

ווּ זענען די כינעזערלעך
מיט די קורצע נעזעלעך?
טשינג טשאַנג טשו,
ווער ווייסט ווּ?

יינגעלעך טראָגן קליידעלעך
הייזעלעך טראָגן מיידעלעך —
טשינג טשאַנג טשו,
ווער ווייסט ווּ?

די קינדער האָבן זיך געהאַט אויסגעזעצט אין אַ קרייַז אַרום די ווענט, און אין מיטן איז געווען די סצענע. זייער היימיש האָט זיך געפילט דאָ דאָס „פּובליקום" און פּונקט אַזוי היימיש — די אַקטיאָרן.

אויף אַ האַפּסאָקע האָבן אַרייַנגעמאַרשירט די קלענסטע קינדערלעך מיט באַלאָנען און אין פיינע קאָסטיומען, וואָס האָבן דערמאָנט פלאַטערלעך, בלומען און שוועמלעך.

ווער קען דען איבערדערציילן, ווי פייַן עס האָט אויסגעזען דער אָוונט, און ווי אינטערעסאַנט ס'איז געווען דער פּראָגראַם!

אין דער צווייטער האַפּסאָקע האָט מען געגעסן אָונטברויט און גוטע זאַכן.

ווען ס'איז געוואָרן אויף אַ ווייַלע פינצטער, האָט אָנגעהויבן קלינגען דער זייגער און האָט אויסגעקלאַפּט צוועלף.

— וויוואַט, נייַיאָר! וויוואַט! — האָבן אַלע אויסגעשריגן, און ווען עס איז ווידער געוואָרן ליכטיק, האָט זיך באַוויזן יאָסל איבערגעטאָן פאַר אַ בריוטרעגער, און האָט געבראַכט נייַיאָרווּנטשן פון דער גאַנצער וועלט פאַר די קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע: פון אַלע שטעט און שטעטלעך, פון די עלטערן — פאַר זייערע קינדער, פון די לערער אאַ"וו.

„אונדזער ראַדיאָ" האָט אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן נייַיאָר־נומער, און האָט איבערגעשיקט אַלע קינדער פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע ראַסן און פון אַלע פעלקער כאַווערשאַפט־ און

ניי־אָר־גרוסן אין נאָמען פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, פון די קינדער, לערער און כאַווײרים.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „אונדזער ראַדיאָ", יאָסל נעמט אַ וואָרט — לויטן מוסטער פון רעדאַקטאָרן פון אַלע גרויסע צײַטונגען — און‏גיט אַן איבערבליק איבער די געשעענישן און אויפטוען פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר.

„דאָס פאַרגאַנגענע יאָר איז געווען דאָס רײַכסטע אין געשעענישן:

מע האָט אויסגעענדיקט דאָס גרויסע ווערק, וואָס רופט זיך פילם. אויף דעם פילם האָבן לאַנג שוין געוואַרט אַלע פרײַנד פון דער סאַנאַטאָריע, די אַרבעטערשאַפט פון פוילן און פון אויסלאַנד, און דערהויפּט — די קינדער. דער פילם האָט געמאַכט אַ גרויסן רוישעם אויף די, וואָס האָבן אים געזען.

ווײַטער האָבן מיר הײַער באַרײַכערט און פאַרשענערט אַלע ווינקעלעך פון דער סאַנאַטאָריע: עס זענען געמאַכט געוואָרן רעמאָנטן, מע האָט צוגעקויפט נײַע טאָגעטשטולן, בעטלעך פאַרן קליינוואַרג, אײַנגעאָרדנט אַ ראַדיאָ מיט 6 הילכערס, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין אַלע ווינקעלעך פון דער סאַנאַטאָריע, אײַנגעפירט צוויי וואַרשטאַטן: אַ שוסטער־וואַרשטאַט און אַ נייוואַרשטאַט פאַר די באַדערפענישן פון דער סאַנאַטאָריע.

אין וואַרשע האָבן מיר אײַנגעאָרדנט אַן אַקאַדעמיע לעקאָוועד דעם צעניאָריקן יוביל פון דער סאַנאַטאָריע. די אַרויסטרעטונג פון די קינדער מיט דער לאַלקע־אָפּערע האָבן מיר געמוזט פיר מאָל איבערכאַזערן.

און איצט צום נײַיאָר ברענגען מיר אײַך די פריילעכע ידיעה, אַז עס איז געוואָרן צוגעקויפט דריי מאָרג וואַלד מיט יונגע, געזונטע סאָסנעס".

אַ שטורמישער בראַוואָ פון פאַרזאַמלטן עולם האָט אָפּגעקלונגען מיט הילכיקע עכאָס. עס האָבן זיך צעשטראַלט פאַר פרייד די פּנעמער פון די קינדער און לערער.

— „און איצט, קינדער, הערט נאָך אויס מײַן אינטערוויו מיטן לערער גילינסקי וועגן די וויכטיקערע פּלענער און פּראָיעקטן פון דער אַרבעט אויף ווײַטער.

די סאַנאַטאָריע טרעט צו אויסצובויען אַ „פּלאַץ פון פרייד" פאַר די קינדער. אויפן פּראָיעקטירטן שפּילפּלאַץ וועט זײַן אַ שווימבאַסיין, אַ טורנזאַל, אַ גרויסע געבײַדע פאַר קינאָ און טעאַטער, אַן אויספלוגהיים, וווּ עס וועלן קענען פאַרפאָרן אַנ־דערע טאַטעס און מאַמעס.

ס'ווערט נאָך געפּלאַנט אויסצובויען אַ נײַע געביידע און אויסצוברייטערן אונדזער לאַנדווירטשאַפט.

עס ווערט צו פרילינג פאַרגרעסערט אונדזער הינערהויף, די בלומענצוכט, די זײַדצוכט ווי אויך דער פּרוכטן־ און גרינס־גאָרטן.

פּלענער האָבן מיר אַ סאַך — מיר וועלן זיך אָנשטרענגען אויסצופירן זיי לויט אונדזערע מעגלעכקייטן".

דער אָוונט האָט זיך נאָך לאַנגגעצויגן. די עלטסטע קינ־דער זענען געבליבן די לעצטע און האָבן פאַרבראַכט די צײַט מיט פרײַע פאַרווײַלונגען.

הײַנט, איין מאָל אין יאָר, האָט מען נישט אָפּגעהיט דעם רעגולאַמין. קינדער זענען געגאַנגען שלאָפן שפּעט, מע האָט אויך נישט באַדאַרפט דערציילן ווי געוויינלעך די אָוונט־מײַסעלעך, ווײַל דער גאַנצער אָוונט האָט דאָך אויסגעזען ווי דאָס שענסטע מײַסעלע.

אַ געיעג נאָך אַ מאַרדער

לויט די שפּורן אין שניי

דער טאָג פון נײַיאָר איז געווען רײַך אין געשעענישן: שוין פון פרימאָרגן אָן האָט זיך פאַרשפּרייט אַן אומאָנגענעמע נײַעס, אַז בײַנאַכט איז געווען אַ מאַרדער אין הינערשטאַל.

מע האָט אייגנטלעך נישט געוווּסט ווי דאָס איז געשען, מע האָט אויך נישט געקענט דערגיין ווי גרויס עס איז דער שאָדן, ווײַל די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכע פון הינערשטאַל האָבן ביכלאַל נישט געוואָלט געבן קיין שום אינפאָרמאַציעס.

דער נאַכטוועכטער, וואָס היט מיט דרײַ הינט די סאַנאַטאָריע אַ גאַנצע נאַכט, איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרשמײַעטער,

כאַװער מאָטל איז געװען נאָך מער פאַרכמורעט װי אַלע מאָל און האָט פּאַשעט נישט געענטפערט אויף אַלע פראַגעס.

די קינדער־אױפזעער האָבן נישט געקענט צוקומען צו די הינער, װײַל די טיר פון הינערפלאַץ איז געװען פאַרשלאָסן.

עס זענען אַרומגעגאַנגען די װילדסטע קלאַנגען, אַז אַ טכויר האָבן אויסגעשטיקט אַלע אויפעס.

— אַ טכויר — האָט יאַנקעלע דערציילט — באַפרידיקט זיך מיט איין הון, ערגער איז מיט אַ מאַרדער — ער שטיקט אויס אַלע. ער האָט בײַם עק שטינקדריזן און װען ער לאָזט אַרויס דעם איפעשדיקן רייעך פאַלן דערפון די אויפעס װי פון אַ גאַז־אַטאַק. אַ מאַרדער עסט אויך נישט גלײַך דאָס פלייש פון זײַן קאָרבן — ער בײַסט אײַן די האַלדזאָדערן און טרינקט דאָס װאַ־רעמע בלוט. אַזוי בײַסט ער אָפּ בײַ עטלעכע אויפעס די קעפּ. יאָ, ער איז זייער בלוטדורשטיק! אַזוי װי אַ טיגער! זומער, װען מאַרדערס האָבן יונגע, שלעפן זיי צונויף װאָס מער קאָרבאָנעס אין זייער נעסט אַרײַן פאַר די יונגע. װען זיי טרעפן אין אַ הי־נערשטאַל מער אויפעס, קערן זיי זיך אום אין מעשעך פון דער נאַכט עטלעכע מאָל, און שלעפן אַװעק די הינער איינציקװײַז.

יאַנקעלע האָט דאָס אַלץ געװוסט, װײַל בײַ זיי אויף דער דאַטשע האָט אַמאָל געטראָפן אַזאַ פאַל. ער האָט זיך אויך אָנגע־לייענט אַ סאַך װעגן טכוירן און מאַרדערס.

— און װאָס האָט בײַ אונדז איצט געטראָפן? — פרעגן זיך קינדער. — צי איז געװען אַ טכויר אָדער אַ מאַרדער?

— פאַראַן װאַלדמאַרדערס און הויזמאַרדערס — זאָגט יאַנ־קעלע. — אין דער באַלעבאַטישקייט קומט געװיינלעך דער הויז־מאַרדער. מיט װאַלדמאַרדערס איז אויך נישט פריילעך. זיי זענען נישט װייניק בלוטדורשטיק. זיי קומען אָבער נישט אַזוי אָפט אַרײַן אין שטאַלן. דער װאַלדמאַרדער קלעטערט מער אַרום אויףביימער און זוכט דאָרט פייגל; ער יאָגט זיך אויך נאָך װעװיער־קעס, און אַפילע אויף האָזן פאַלט ער אָן. און װען עס פאַרפעלט פלייש, נאַשט ער יאַגדעס. הויזמאַרדערס און טכוירן אָבער קענען נישט גוט קלעטערן אויף ביימער — זיי מוזן זוכן רויב אויף

דער ערד. זומער קענען זיי אַפילע כאַפּן מײַז, פרעש, ווערעם א״א, אָבער ווינטער מוזן זיי קומען נאָענט צו מענטשלעכע יישו־וים — זוכן אויפּעס.

— אויב אַזוי איז עס געווען אָדער א טכויר אָדער אַ הויז־מאַרדער.

— ניין — זאָגט יאַנקעלע — נישט דאַפקע, פאַראַן נאָך אַנ־דערע קליינע רויבער וואָס שעדיקן ווינטער די אויפּעס אין דער באַלעבאַטישקייט. פאַראַן נאָך אַ הערמעלין, פאַראַן אַ וויזלטיר — אַלע זענען זיי באַלאָנים צו שטיקן אויפּעס און פייגל. פוקסן גאַנווענען זיך אויך אונטער צו די פויערישע באַלעבאַטישקייטן און רויבן ענטלעך, גענדז און אויפּעס.

— ווי זשע קען מען דאָך וויסן, ווער עס איז געווען דער רויבער?

דערווײַל איז געוואָרן באַוווּסט, אַז דער לערער „מוכאַ־לאַפּסקי״ איז אַוועק שוין גאַנץ פרי זוכן דעם רויבער, לויט די שפּורן אויפן שניי.

בײַם פרישטיק איז ער נישט געווען, עס האָבן אויך גע־פעלט צוויי קינדער פון נאַטורקרײַז, מינעסטאַט זענען זיי אויך מיטגעגאַנגען.

בײַם פרישטיק האָט מען בײַ אַלע טישן גערעדט וועגן דעם נאַכטאָנפאַל אויפן הינערשטאַל, און מע האָט געוואַרט אין שפּאַ־נונג אויף נײַעס.

ערשט נאָכן פרישטיק האָט זיך באַוויזן די אויספּיר־עקס־פּעדיציע און באַלד איז באַקאַנט געוואָרן אָט וואָס:

מיט אַ טאָג פריער, פאַרן סילוועסטער־אָוונט, האָבן די אויפזעער פון די אויפּעס נישט פאַרמאַכט דעם אַרײַנגאַנג צום קליינעם הינערשטאַל. בײַנאַכט האָט זיך אַהין אַרײַנגעכאַפּט אַ רויבער, אַ מאַרדער אַוואַדע, און האָט דערשטיקט דרײַ הינער — מער זענען דאָרט קיין אויפּעס נישט געווען.

אויפן שניי האָט מען געזען דײַטלעך זײַנע שפּורן. ער איז געקומען פון וואַלד, וואָס גרענעצט מיטן הינערפּלאַץ און איז אַוועק צוריק אין יענער ריכטונג.

דאָס האָט דער לערער טאַקע געהייסן אין דער פרי פאַר־מאַכן דעם הינערפלאַץ, קעדיי מע זאָל נישט צעטרעטן די שפּורן.

— איצט — האָט געזאָגט דער לערער — וועל איך אײַך פירן ווײַזן די שפּורן. מיר זענען שוין געווען מיט צוויי קינדער זוכן, פונוואַנען ס'איז געקומען דער מאַרדער. מיר זענען דערגאַנגען — לויט די שפּורן — ווײַט, אָבער נישט ביזן סאָף. מיר וועלן נאָר אויף גיך אָפּעסן און מיר לאָזן זיך זוכן דעם רויבער.

די קינדער האָבן פאַרוואָרפן די עקספּעדיציע מיט פראַגן, אָבער דער לערער האָט זיי איבערגעריסן דאָס פרעגן, און גע־הייסן זיך אָנטון און גרייטן זיך אין וועג אַריין.

— מיטגיין וועלן די קינדער פון דער עלטסטער גרופּע — איז געווען די לעצטע פאַראָרדענונג.

ווען דער לערער מיט די צוויי קינדער האָבן אָפּגעגעסן, האָט מען זיך געלאָזט גיין.

מע איז אַוועק פריִער אויפן הינערפלאַץ באַטראַכטן די שפּורן. די שפּורן פון רויבער אויפן שניי זענען געווען גוט קאָנ־טיק.

דער לערער האָט אַרויסגענומען אַ ביכל מיט בילדער פון די טריטשפּורן און געוויזן די קינדער.



טריטשפּורן פון
וויזלטיר מאַרדער

— אָט זעט איר, דאָס קענען נאָר זײַן די שפּורן פון מאַרדער.

— אָט זעט מען אַפילע, ווי ער האָט זיך צוגעגאַנגען צום שטאַל. בײַ דער פאַרצוימונג האָט ער זיך פאַרהאַלטן. מע זעט אויפן שניי דעם סימען, אַז ער האָט זיך דאָ אַוועק־געזעצט. און אָט זעט מען, ווי ער איז אַרומגעגאַנגען אַרום שטאַל און האָט געזוכט אַן אַרײַנגאַנג.

— די שפּורן פירן צו דער עפֿע־נונג אין קליינעם הינערשטאַל.

— אָט, פּיפּערנאָטערלעך אויפזעער!

איר זעט, ווי איר האָט דאָס געלאָזן אַ פרײַען וועג פאַרן מאַר־דער?

עס איז בעעמעס אַלץ געווען ווי אויף דער האַנט. די אָפּ־דרוקן אויפן שניי האָבן געוויזן דעם גאַנצן פּלאַן פון מאַרדערס וועג.

די אויפזעער זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ — זיי האָבן דאָך טאַקע פאַרזינדיקט, און צוליב זיי זענען אומגע־קומען דרײַ הינער.

— נו, פּיפּערנאָטערלעך, לאָמיר גיין זוכן דעם מאַרדער. אָט זעט איר דאָך, ווי די שפּורן פירן ווידער אין וואַלד אַרײַן. און אָט זעט איר, ווי ער האָט פאַרשלעפּט מיט זיך איין הון. מיר האָבן שוין געפונען די הון דאָ נישט ווײַט.

— ווײַזט אונדז די הינער — האָבן זיך געבעטן די קינ־דער.

— ניין, זיי זענען אַזוי צעקאַליעטשעט, אַז איך קען זיי אײַך נישט ווײַזן.

— מיר וועלן אַרײַנגיין איצט אין שטאַל — בעטן זיך די קינדער.

— ניין, — זאָגט דער לערער — איר וועט בעמיילע גאָר־נישט זען. מע האָט שוין אַלץ אויפגערוימט.

די קינדער, וואָס זענען גאַנץ פרי מיטגעגאַנגען זוכן די שפּורן, האָבן דערציילט, אַז די פאַרשלעפּטע הון איז געווען אָן אַ קאָפּ און אַז אויפן שניי האָבן זיי געפונען שפּורן פון בלוט.

בײַ אַ צוויי צענדליק קינדער האָט זיך געלאָזט אין וואַלד אַרײַן זוכן דעם רויבער.

די שפּורן, וואָס האָבן געפירט פון הינערשטאַל צוריק אין וואַלד אַרײַן, זענען געגאַנגען פּאַראַלעל צו די שפּורן, וואָס האָבן געפירט פון וואַלד. לויט די נעגל, וואָס מע האָט געקענט די־טלעך זען אויפן שניי, האָט מען אונטערגעשיידט די ריכטונג.

אין איין אָרט זענען זיך די שפּורן פונאַנדערגעגאַנגען.

— לאָמיר זיך טיילן אין צוויי גרופּקעס — האָט פאָרגע־לייגט יאַנקעלע.

— גוט! איין גרופּקע וועט גיין מיט יאַנקעלען, — לויט די שפּורן, וואָס פירן פון וואַלד צום הינטערשטאַל — האָט שוין צוגעגעבן דער לערער.

די קינדער האָבן זיך צעטיילט אין צוויי גרופּקעס.

די שפּורן, וואָס האָבן געפירט פון וואַלד, האָבן דאָ אָנגענומען גאָר אַן אנדערע ריכטונג. יאַנקעלעס גרופּקע איז אַוועק לויט די שפּורן צו אַ צווייטער ווילדע.

— זעט איר, קינדער, זעט אויס, אַז דער מאַרדער האָט פריִער דאָרט געזוכט עסן.

יענע שפּורן האָבן געפירט אַרום דער ווילדע; דאָרט האָבן זיי זיך עטלעכע מאָל געקרייצט אין עטלעכע ריכטונגען, אַרום אַלע ביניאָנים און סקלאַדעס. עס האָט געדויערט ביז יאַנקעלע האָט מיט זײַן גרופּקע אויסגעפאָרשט די אַלע וועגן, און ענדלעך איז מען — לויט די שפּורן — אַרויס פון יענער ווילדע אין דער ריכטונג צום וואַלד צו. ווי גרויס איז געווען די פאַרוווּנדערונג פון ביידע גרופּעס, ווען זיי האָבן זיך אין איין אָרט ווידער באַגעגנט.

— אָט אַזוי, — האָט געזאָגט דער לערער, — זעט אויס, אַז מיר וועלן דאָך טרעפן צום אָנהייב פון דער רעטעניש. מעגלעך, אַז דאָרט ערגעץ, פונוואַנען די שפּורן קומען און וווהין זיי פירן, געפינט זיך דאָס באַהעלטעניש פון מאַרדער.

יאַנקעלע האָט ווידער דערציילט וועגן די שפּורן אַרום יענער ווילדע. דאָרט ווינט איצט קיינער נישט, אַפילו נישט דער הויזוועכטער, און ווי עס זעט אויס האָט דער מאַרדער דאָרט קיין זאַך נישט געפונען.

אין איין אָרט, לעבן אַן אַלטן דעמב, האָט מען געזען פון די שפּורן, אַז דער מאַרדער איז דאָ געקראָכן אויפן בוים.

אין שטאַם זענען געווען הייל׳ן, און דער מאַרדער האָט דאָרט מין האַסטאַם עפּעס געזוכט.

— אָט ווי קלוג דאָס איז! אויף אַזעלכע שטאַמען פאַרשטייט עס צו זוכן!

דערווײַל איז מען דורכגעגאַנגען אַ שטיק וואַלד און מען

האָט זיך דערנענטערט צו דער פּאָליאַנע, וואָס פירט צום ראַ־
דאָשטשער בעסוילעם.

— מיר מוזן זיך אומקערן — האָט געזאָגט דער לערער, —
עס איז שוין פּאַר איין מאָל צו ווײַט. לאָמיר זיך מאַכן אַ סימען, און
מאָרגן וועלן מיר פונדאַנען זוכן ווײַטער.

— בעסער הײַנט נאָך — זאָגט יאַנקעלע, — עס קען דאָך
נאָך ארויספאַלן אַ שניי און פאַרשיטן די שפּורן.

— ריכטיק, יאַנקעלע, אָבער זעסט, די שפּורן פירן איבער
דער פּאָליאַנע, מין האַסטאַם צום בעסוילעם, און דאָרט וועט נישט
לײַכט זײַן צו זוכן צווישן די קוואָרים.

— ווי איר זעט, קינדער, לויפן אַזעלכע רויבער דורך גרוי־
סע שטאָכים אין איין נאַכט. מע קען אָננעמען, אַז ער וועט פרו־
בירן נאָך אַ מאָל מאַזל בײַ אונדז. אויב מען האָט אים נישט אי־
בערגעשראָקן די נאַכט, וועט ער קומען אַ צווייט מאָל. מיר מוזן
זײַן פאָרזיכטיק. מיר מוזן גוט באַזאָרגן די טויבן, און עפּשער
אַפילע אויפשטעלן אַ כאַפּשטײַג פאַרן מאַרדער, ווײַל אַזאַ רויבער
קען אַזוי לאַנג קריכן צו אונדז, ביז ער וועט ווידער אַ מאָל דאָך
עפּעס נאָך נאַשן.

מען האָט זיך אומגעקערט ווי יעגער פון אַ נישט געלונ־
גענעם געיעג, און מען האָט אויפן וועג געמאַכט פּלענער, ווי צו
כאַפּן דעם מאַרדער. צום סאָף איז מען געבליבן בײַ אַזאַ פּלאַן:

מען וועט אײַנאָרדענען בײַ דער זעלביקער עפענונג פון
קליינעם הינערשטאַל אַ כאַפּשטײַג אַזוי, אַז ווי נאָר דער מאַר־
דער וועט אַרײַנגיין, וועט זיך פאַרמאַכן דאָס טירל, און ער וועט
שוין נישט קענען אַרויס פון שטאָל.

יאַנקעלע האָט נאָך פאָרגעלייגט, מע זאָל פון דאָרט צונע־
מען די הינער און לאָזן ליגן בײַם אַרײַנגאַנג אַ שטיק פלייש,
וואָס זאָל צוציִען מיט זײַן רייעך דעם רויבער.

דערווײַל האָט מען אין סאַנאַטאָריע אַרומגעקוקט אַלע שטאַלן
(אויך פון די קיניגלעך) און דעם טויבנשלאַק, צי עס זענען
נישטאָ דאָרט קיין צו גרויסע לעכער. מען האָט זיך געוואָלט
באַוואָרענען קעגן אַ צווייטן אָנפאַל.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו לאָזן אויפן הינער־פּלאַץ אַ הוגט אויף ביינאַכט.

ווען די קינדער זענען צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט פון דעם אויספלוג, האָט מען זיך געוויצלט אויף זייער כעשבן, אַז זיי האָבן פאַרגעסן מיטצונעמען זאַלץ אויפן געיעג.

ווייל – האָט געזאָגט אַווּרעמל – ווי נאָר מע שיט אָן אַ ביסל זאַלץ אויפן עק פון אַ מאַרדער, בלייבט ער גלייך שטיין, און דאַן קען מען אים שוין כאַפּן.

– פאַרוואָס עפּעס בלייבט ער שטיין? – פרעגט אַ צווייטער.

– ווייל דאָס זאַלץ בייסט אים.

– אָבער ווו נעמט מען דעם מאַרדער אויף אָנצושיטן דאָס זאַלץ?

– אָט דאָס איז דאָך דער איקער – האָט זיך אַווּרעמל צעלאַכט.

דעם טאָג איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג אין נאַטור־מוזיי. אַלע זענען געגאַנגען באַטראַכטן דאָרט דעם אויסגעשטאָפּטן מאַרדער.

א מ א ר ד ע ר

— אויב נישט קיין לעבעדיקן, ווילן מיר זען כאָטשבי דעם טויטן — האָט געטײַנעט אַוורעמל.

אַ בריוועלע דער מאַמען

בײַטאָג האָט מען הײַנט געשריבן בריוועלעך. גרויסע קינדער שרײַבן אַליין און פאַר די קליינע שרײַבן די לערער און די עלטערע קינדער.

מוישעלע האָט אָנגעשריבן קורץ:

איך בין געזונט — דאָס זעלביקע פון אײַך צו הערן. איצט האָב איך נישט קיין צײַט, ווײַל איך גיי שפּילן אין פּינג־פּאָנג...
אײַער מוישעלע

גיטעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע, האָט פאַרטראַכט זיך און אָנגעהויבן שרײַבן:

מיר איז דאָ גוט און פריילעך, אָבער... — אין דאָ האָט זי געוואָלט אָנשרײַבן, אַז זי וואָלט וועלן זען די מאַמע.

ניין — טראַכט גיטעלע — מע וועט דאָך זיכער מיינען אַז איך בענק. ניין. אַזוי שרײַבט מען נישט! זי צערײַסט דאָס בריוועלע און הייבט אָן פון דאָס נײַ.

זי שרײַבט:

„ליבע עלטערן! מיר האָבן נעכטן געהאַט אַ נײַיאָרבאַל. אַזאַ באַל האָב איך נאָך בײַ אונדז נישט געזען. אַז איך וועל אַהיימקומען, וועל איך אײַך דערציילן אַלץ גענוי. און דער לערערקע וועל איך דערציילן. ווײַל אין שול מוזן מיר אויך מאַכן אַזאַ באַל. איך האָב געהאַט אַ פיינעם קאָסטיום פון אַ פויערטע, פּונקט אַזוי ווי אונדזערע פויערים טראָגן. דאָ, אין סאַנאַטאָריע, באַקומט יעדעס קינד אַ קאָסטיום, און אין דער פאָרשטעלונג האָב איך זיך אויך באַטייליקט. אַ פיינע פאָרשטעלונג איז עס געווען. איר האָט דאָך געלייענט אין דער צײַטונג וועגן די „ליאַלקעס”, וואָס מ׳האָט געמאַכט פון זיי אַ פילם. אָט טאַקע די אָפּערע האָט מען געשטעלט צום נײַיאָר.

די לערער זאָגן, אַז פאַרן אַוועקפאָרן וועלן מיר נאָך זײַן

אין וואַרשע, אין קיניגלעכן שלאָס, אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, אין דער דרוקעריי פון דער „פאָלקסצייטונג“ און עפּשער נאָך ער־גען, אויב עס וועט זיין צייט.

יאָ, איך מוז אייך נאָך איבערגעבן, אַז איך קען שוין באַלד אַזוי רעדן ווי די וואַרשעווער.

דאָס איז אַפּילע אַ ביסל קאָמיש, אָבער דאָך אינטערעסאַנט.

איך וועל עס אויסלערנען אונדזערע קינדער אויך.

איך האָב אייך נאָך אַ סאַך צו דערציילן, אָבער אויף היינט זאָל שוין זיין גענוג.

אין אַ וואָך אַרום וועלן מיר זיך שוין זען“.

ווען גיטעלע האָט נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט זי געהאַט פייכטע אויגן.

זי האָט אויף גיך פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט, אָנגעשריבן דעם אַדרעס, און איז אַוועק צו די כאַווערטעס.

אַ סאַך קינדער האָבן שוין געהאַט אָנגעשריבן די בריוו־לעך. די פּאָסט־קאָמיסיע האָט אויפגעקליבן די בריוו. פאַר די וואַרשעווער עלטערן וועט אַ לערערין מאָרגן אַוועקפירן די בריוו — אין ביוראָ וועלן שוין וואַרטן די עלטערן און נאָכפרעגן זיך אויפן געזונט פון די קינדער. פּעקעלעך מיט נאַשוואַרג וועט מען אויך מיטגעבן.

אוי, זענען די וואַרשעווער נאַשערס! מען גיט מיט אַזוי פיל „טשאַסטקעס“, שאָקאָלאַד און באַנאַנען, אַז עס איז שווער אויפצועסן.

נאָר איין קינד האָט נישט געשריבן קיין בריוו — דאָס איז געווען דער קליינקער שמוליק מינקאָווסקי פון פּשיטיק.

ער שרייבט נישט, ווייל ער האָט נישט צו וועמען צו שרייבן.

מיר יאָגן אַ האָז — און באַפּרײַען אַ פֿײגעלע

פֿאַרנאַכט איז אַוועק אַ צווייטע גרופּע קינדער באַטראַכטן די שפּורן פֿון מאַרדער. מען איז געגאַנגען לויט די שפּורן אַזוי ווי אין דער פֿרי.

בײַם ראַנד פֿון וואַלד האָבן די קינדער זיך באַגעגנט מיט אַ האָז. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון אונטער אַ קוסט, ווי אַן אונטערגעשאָסענער

— כאַפּ אים... כאַפּ אים... — האָבן זיך דערהערט קינדע-רישע קוילעס.

אָבער איידער וואָס ווען, איז שוין דער האָז נישט געווען, נישט אַלע האָבן אַפֿילו באַוויזן צו זען אים.

די ערשטע וואָס האָבן אים געזען אַנטלויפֿן, האָבן גענומען אים יאָגן, אָבער אומזיסט. ווער קען דען אָניאָגן אַ האָז?

—אָט אַ פּאַכדען—שרײַט דער לערער. — געזען אַ האָז! וואָלטן מיר דען אים עפּעס שלעכטס געטון? מיר וואָלטן אים אַ גלעט געטון און אַפֿילו קיין האָבער נישט געזשאַלעוועט.

די קינדער האָבן געלאַכט.

— נו, קוקט זיך איצט צו צו זײַנע שפּורן אויפֿן שניי.



לעבן קוסט האָט מען געזען די טריטשפּורן פֿון העזעלע: די אָפּדרוקן פֿון זײַנע פֿיס. די פֿאָדערשטע פֿיס זענען קליינע און נישט אויף איין הייך און פֿון די הינטערשטע זענען די שפּורן גרעסער און אין איין שורע, ווײַל דער טראָט פֿון די הינטערשטע פֿיס איז לענגער.

— און איצט, קינדער, לאָמיר אויסמעסטן ווי ווײַט שפּרינגט אַ האָז, ווען ער אַנטלויפֿט.

— אוי, ווי ווײַט!

— איך קאָן אויך שפּרינגען אַזוי ווײַט — שרײַט אַרעלע.

— פּראָביר, — זאָגט דער לערער.

אַרעלע שפּרינגט און דערגרייכט נישט.

— נאָך ווער?

אַלע שפּרינגען און קיינער קען זיך נישט פאַרמעסטן מיטן האָז.

—פאַרגעסט נישט, קינדער, אַז דעם העזלס פיס זענען נישט אַזעלכע לאַנגע ווי אײַערע און דאָך קענט איר נישט אַזוי גיך לויפן ווי ער — זאָגט דער לערער.

— אָבער אַזעלכע פּאַכדאָנים ווי ער זענען מיר אויך נישט — ענטפערט א קינד.

מיר האָבן נאָך דורכגעזוכט דעם קוסט, עפשער וועט מען געפינען... אַ צווייטן האָז.

אָבער אַ צווייטער האָז איז נישט געווען.

מיר האָבן געפונען נאָר מיסט פון האָז. עס זענען געלעגן דאָ, אונטערן קוסט, אַ סאַך קײַקעלעך האָזנמיסט, אַזעלכע ווי פון ציגן.

— זעט אויס, אַז דער האָז זיצט דאָ אָפט, אָבער איצט ווען מע האָט אים איינמאָל אויסגעשראָקן, וועט ער שוין נישט אומקערן זיך אַזוי גיך אַהער.

— יאָ, האָזן זענען פּאַכדאָנים, ווײַל זיי האָבן זיך נישט מיט וואָס צו ווערן. זיי קענען זיך ראַטעווען פון סוינע נאָר... דורך אַנטלויפן, און סאָנים האָט דער האָז אַ סאַך. יעדער רויבער, אַפילע די וואָס זענען קלענער פון אים, פאַלט אָן אויף האָזן, און מענטשן — אַוואַדע.

— צי האָט איר שוין געזען, קינדער, ווי מע טראָגט איצט ארום פעלן פון האָזן צו פאַרקויפן? די פעל איז ביליק, ווײַל די האָר פאַלן לײַכט ארויס. קיינער טראַכט גאָרנישט בעשאָס מײַסע, אַז דאָס איז גאָרנישט אַזוי פיין אָפּצושינדן העזעלעך צוליב די פּאָר גראָשן, וואָס מען קען באַקומען פאַרן פעלעכל.

— יאָ, און דאָס פלייש עסט מען אויך. עמעס, האָזן זענען שעדלעך, זיי נאַשן זומער פון די גערטנער, און ווינטער גריזשען זיי אָרום יונגע ביימלעך, אָבער אַזוי איז שוין אויף דער וועלט הײַנט — דער מענטש קוקט אויף אַלץ וואָס לעבט פרײַ, ווי אויף זײַן אייגנס. דאָס, וואָס טוט אים אָן שאָדן, רוימט ער אָפּ פון וועג.

— צי איז עמעס, לערער, אַז אַ האָז שלאָפט מיט אָפענע אויגן ?

— יאָ, האָזן קענען נישט פאַרמאַכן די אויגן. שלאָפן זיי מיט אָפענע אויגן.

דערוויַיל איז אָנגעלאָפן אימעץ אַ פאַרסאָפּעטער מיט אַ יעדיִע, אַז דאָ נישט וויַיט האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אַ פייגעלע און קען זיך נישט באַפרייַען.

מע לויפט קוקן און מע טרעפט טאַקע אַ נעץ אויף צו כאַפּן פייגל.

די נעץ איז באַשטאַנען פון פערדהאָר־פּעטליעס, וואָס זענען געווען אָנגעבונדן צו אַ רייף. אין דער מיט איז געווען אָנגעשאָטן שפּייַז פאַר פייגל.

דאָס פייגעלע איז, זעט אויס, געקומען דאָרט עסן, און האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער נעץ — עס האָט זיך געוואָרפן און געוואָלט באַפרייַען, אָבער אומזיסט — די פּעטליע איז געווען שטאַרקער.

עס איז געווען אַ צאַר צוצוקוקן זיך צו די לייַדן פון פייגעלע. עס האָט זיך געוואָרפן, צעשויבערט די פעדערן, געריסן דעם פוס פון דער פּעטליע און איז באַלד געבליבן ליגן מיד פון אויסשעפּונג.

דאָס פייגעלע האָט אונדז אָנגעקוקט אַזוי אומעטיק און הילפלאָז, ווי אַ געבונדענער מענטש.

— זעט איר, קינדער — זאָגט דער לערער,— אָט אַזוי שעדיקן שלעכטע מענטשן אונדזערע פייגל. אַנדערע פייגל־כאַפּער שמירן אָן פעך אויף אָסעט־קוסטעס, וואָס האָבן אויף זיך פּרוכטן. ווען פייגל זעצן זיך אויף די קוסטעס, קלעפּן זיי זיך צו. כאַפּן פייגל איז געזעצלעך פאַרבאָטן.

— לאָמיר דאָס פייגעלע באַפרייַען — האָבן געראַטן די קינדער.

עס איז געווען אַ פאַרביקער פּראַנט (שטשיגעל).

ווען דער לערער האָט איבערגעשניטן די פּעטליע, איז דער פּראַנט אַנטלאָפן אַן אויסגעשראָקענער.

א פּראַנט

די קינדער האָבן אָפּגעאָטעמט, ווי ווען זיי אַליין וואָלטן אַרויס פון אַ געפענגעניש, און דער לערער האָט צעבראָכן די פאַנגנעץ.

מיט גרויס צופרידנקייט, וואָס מען האָט געראַטעוועט אַ פויגל, האָט מען זיך געלאָזט גיין צוריק אין סאַנאַטאָריע.

מיר ווערן נאַטורפריינד

— נישט געהאַט קיין מאַזל: נישט דעם מאַרדער געפונען, און אויך נישט דעם האָז געפּאַקט — האָט זיך געוויצלט אַוורעמל, ווען אויך די צווייטע עקספּעדיציע האָט זיך אומגעקערט מיט ליידיקע הענט.

— אייגנטלעך — האָט געטייַנעט דער לערער — זענען מיר דאָך נישט קיין יעגער! מיר זענען נאַטורפרייַנד, מיר ווילן נישט כאַפּן די באַלעכאַיִם, מיר ווילן זיי נאָר באַאָבאַכטן. מיר

ווילן זיך באַקענען מיט זייער לעבן. מיר ווילן זיי אַפילו העלפן
— צי קענסטו שוין, אַוורעמל, אונדזערע געבאָטן פון נאַטור־פריינד?
— אָט הענגען זיי אויסגעשריבן דאָ אויף דער וואַנט:

געבאָטן פאַר נאַטורפריינד

באַקען זיך מיט אַלץ וואָס לעבט און וואַקסט אַרום דיר.

רייס נישט קיין געוויקסן און נעם נישט מיט קיין באַלעכאַים מער, ווי דו דאַרפסט צו דיינע באַאָבאַכטונגען.

קיין זעלטענע געוויקסן און באַלעכאַים זאָלסטו ביכלאַל נישט נעמען.

ברעך נישט קיין צווייגן, צעשטער נישט די קאָרע פון ביימער.

צעשטער נישט קיין נעסטן, מאַטער נישט קיין באַלעכאַים.

גייסטו אויף אַ שפּאַציר, הער זיך צו צום אַרום און טומל נישט.

לאָז נישט איבער קיינע פּאַפּירן און רעשטלעך פון עסן אויפן אָפּרופּלאַץ.

באַקען דיין כאַווער מיט די געבאָטן פאַר נאַטור־פריינד און טייל זיך מיט אים מיט דיין דערפאַרונג.

נאַטורקרייז
פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

מיר וועלן, קינדער, היינט נאָך אַרויסהענגען די נייע פויגלשפּייז־קעסטלעך, וועלכע מיר האָבן געקויפט אין דער פויגל־שוץ־סטאַציע.

דאָ, אין די קעסטלעך, איז פאַראַן פעטס, יאַגדעס, מאָן, קאַנאַפּיעס, א. א. צומישונגען. אַלץ איז אַריינגעשמאָלצן אין פעטס אַריין.



די פייגל עסן דאָס גערן. איר וועט זען, קינדער, ווי עס וועלן זיך צונויפפליִען צו די קעסטלעך די זיזיבײַס, פּראַנטן, און אַנדערע זינגפייגעלעך, וואָס זענען געבליבן בײַ אונדז אויף ווינטער.

די שפּײַזקעסטלעך האָט מען אַרויסגעהאָנגען אויף די ביימער אַנטקעגן דער טעראַסע קעדיי די קינדער זאָלן, בעשאַס זייער רוען אויף דער טעראַסע קענען באַאָבאַכטן די פייגל בײַם עסן.

געזעגענונג

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון אַוועקפאָרן, מען האָט זיך צום לעצטן מאָל פאַרזאַמלט אין עסצימער. „אונדזער ראַדיאָ" האָט זיך געזעגנט מיט די קינדער פונקט אַזוי האַרציק ווי ער האָט זיי מיט דרײַ וואָכן צוריק באַגריסט.

דעם לעצטן פרישטיק איז שוין שווער געווען צו עסן — מען האָט געהאַט רייזע־פיבער. ווען דער פרישטיק האָט זיך געענדיקט, האָט דער לערער גילינסקי אויפגעהויבן די האַנט און אין זאַל איז געוואָרן שטיל.

— קינדער, איך וויל זיך מיט אײַך געזעגענען. איר זײַט געווען בײַ אונדז אַפילע נאָר אַ קורצע צײַט, אָבער איר ווי אַלע קינדער וואָס קומען צו אונדז, זײַט שוין אונדזעריקע — איר זײַט קינדער פון דער מעדעס־סאַנאַטאָריע.

די מעדעס־סאַנאַטאָריע געהערט צו אַלע אָרעמע און אַר־בעטער־קינדער: צו די, וואָס זענען שוין בײַ אונדז געווען, צו די וואָס זענען בײַ אונדז איצט דאָ און צו די וואָס וועלן צו אונדז נאָך קומען.

די סאַנאַטאָריע איז לײדער צו קלײן, זי זאָל קאָנען אַרײַנ־נעמען אַלע קינדער, וואָס ווילן און דאַרפן צו אונדז קומען, מיר דאַרפן די סאַנאַטאָריע אויסברײטערן און פאַרגרעסערן. אַמבעסטן וואָלט אָבער געווען, ווען יעדער פון אײַך און יעדעס קינד ביכלאַל זאָל האָבן אַ סאַנאַטאָריע בײַ זיך, דאָס הײסט אַ געזונטע פרײ־לעכע הײם.

עס וואָלט גוט געווען, עס זאָל מער אויף דער וועלט נישט זײַן קײן הונגער, קײן נויט, קײן נאַסע פינצטערע דירעס און קלײנע שמוציקע הויפן.

דאָס לעבן דאַרף און קאָן שענער און בעסער זײַן. איר האָט דאָס געזען דאָ אין סאַנאַטאָריע.

לאָמיר שטרעבן צו דעם, אַז אויף דער גאַנצער וועלט זאָל זיך לעבן אַזוי גוט — און עפשער נאָך בעסער — ווי בײַ אונדז אין מעדעם־סאַנאַטאָריע.

לאָמיר זיך צעשײדן מיט אונדזער: כאַווערשאַפט!!!

די קינדער האָבן ווידער געפּאַטשט מיט די הענט, דאָס מאָל האָבן די געוועזענע „טשאָלדראַקעס" אָבער אויך מיטגעפּאַטשט, און גיטעלען זענען געשטאַנען גרויסע, הײסע טרערן אין די אויגן — קינדערטרערן לויטערע ווי קרישטאָל, אָבער דאָס מאָל נישט פאַר בענקשאַפט נאָך דער הײם, נאָר פון אומעט, וואָס זי דאַרף אַוועקפאָרן פון דער סאַנאַטאָריע.

— אַזוי גײך איז אַריבער די צײַט — האָט זי געזאָגט צו איר כאַווערטע טאָליע — אַזוי גײך!

— גיטעלע — ענטפערט טאָליע — ווײן נישט, דו וועסט דאָך נאָך אַ מאָל קומען, איך וועל אויך זיכער קומען אַ צווײט מאָל. מײַן ברודער וועוויק איז דאָ שוין דאָ צום דריטן מאָל.

ווען די קינדער זענען געזעסן אין באַן, האָט אַווראַמל אַרויס־גענומען אַ בריוועלע און עס געוויזן די כאַווײרים. אויפן בריוו־פּאַפּיר איז געווען אָנגעשריבן:

טײַערע לערער און קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע!

מיר האָבן אַ סאַך געוווּנען אין דער סאַנאַטאָר־
יע. אונדז איז צוגעקומען געזונט און פאַרשטאַנד.
מיר וועלן גײן אין אײַערע וועגן.

אָפּפאָרנדיקע קינדער

די קינדער איז דאָס בריוועלע געפעלן געוואָרן.

— לאָמיר זיך אונטערשרײַבן — האָט פאָרגעלייגט מוישעלע.

— יאָ, יאָ, לאָמיר זיך אונטערשרײַבן! — און מען האָט זיך אונטערגעשריבן.

— איך וועל עס אָוועקשיקן פון ווארשע — האָט פאָרגעלייגט אימעק, אַ ווארשאַווער.

— איך וועל שוין אַליין אַוועקשיקן — האָט זיך אַרײַנגעמישט אַוורעמל, — און טאַקע באַלד.

ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין טובקעלע פון אַלומיניום און געזאָגט:

— אין דעם טובקעלע וועלן מיר אַרײַנטאָן דאָס בריוועלע און אַוועקשיקן עס—און ער לייגט אַרײַן דאָס בריוועלע וואָס איז געשריבן אויף אַ זייער דינעם פּאַפּיר.

— וואָס מיינסטו? — פרעגט אימעק.

— וועסט שוין באַלד זען:

ער נעמט אַרויס פון אַ קעסטל אַ טויב.

אַלע קוקן זיך פאַרוווּנדערט אָן.



א פוס פון א טויב מיט א בריוועלע.

— דאָס טובקעלע פון אַלומיניום װעלן מיר באַפעס־טיקן צום פוס פון דער טויב און אָפּלאָזן די טויב.

אַװרעמל האָט געהאַלטן די טויב און אימעק האָט לײַכט אַרומגעבויגן די זײַטיקע בלעכעלעך פון דעם טובקעלע װי אַ רונג אַרום דעם פוס פון דער טויב.

אַלע האָבן זיך צוגעקוקט מיט שפּאַנונג.

דערװײַל איז די באַן שוין אַרײַנגעפאָרן אין דער װאַרשע־װער פאָרשטאָט — צװישן הויכע און פאַררויכערטע מויערן.

— עפן דאָס פענצטער — זאָגט אַװרעמל צו אימעקן.

און דורכן אָפענעם פענצטער האָט אַװרעמל אַרויסגעלאָזן די טויב מיט די װערטער:

— פלי צוריק אין דער זוניקער מעדעם־סאַנאַטאָריע און ברענג אַהין אונדזער לעצטן גרוס.

די טויב האָט זיך אויפגעהויבן הויך איבער דעם רויך פון דער לויפנדיקער באַנמאַשין און איבער די הויכע װאַרשעװער הײַזער און האָט זיך פאַרקירעװעט אין דער פאַרקערטער ריכ־טונג — צו מיעדזעשין צו.

דערװײַל איז די באַן אַרײַן אין פינצטערן טונעל.

און אין װאַגאָן, װאָס האָט געפירט די קינדער צוריק אין שטאָט, איז געװאָרן אומעטיק.